# פרדס יהודה

## פנינים על
## הגדה של פסח
## וסיפורי צדיקים

נערך ע"י
יהודה זבולון הלוי נ"י
בלאאמו"ר הרה"ח ר' אליעזר שליט"א
קליטניק

מהדורה מתוקנת
ברוקלין תשפ"ה

# מחבר ספרי

1] שמח זבולון עה"ת וסוגיות עם ספר שיח יצחק
מזקני הרה"ג ר' יצחק סג"ל באכנער שו"ב מטשאבניין ובארה"ב י"ט ניסן תרצ"ט זצ"ל
2] קונטרס משלוח מנות – עיונים, ובירור מנהג השושבינין בק"ק סטאלין קארלין
3] מעשה ניסים– ספר עתיק עם עיונים בענין מעשה נסים
4] חיים של ברכה ושלום
5] ולזבולון אמר – ענין משנכנס אדר מרבין בשמחה
6] עטרת שלום– ביאור על הזמר - ק"ה אכסוף
7] שדה יוסף– תולדות הרה"ק ר' משה מסטאלין וגם ישיבתו בית ישראל
8] תפארת מאטטערסדארף – חידושים על חנוכה
9] ספר פרדס יהודה ליקוט מגליונות שנת תשס"ט תש"ע
10] וזו שמחתי– חידושים הנלע"ד בענינים שונים
11] הגדה של פסח פרדס יהודה
12] אויפן וועג צום רבין ג' חלקים סיפורים על היארצייטן

כל הזכויות שמורות
@
הוצאת עולם הספרים

**4403 16 Ave**
**Brooklyn NY 11204**
**718 438 8414**

## פורים איז די הכנה צו פסח

שטייט אין גמ' (פסחים דף ו ע"א) שואלין ודורשין בהלכות הפסח קודם הפסח שלשים יום, שטייט אין ספר אמרי אמת גור און נאך, אז די שלשים יום מינט אז די הכנה צו פסח איז פורים אליין, דאס צו מסביר זיין לענ"ד, ווייל עס שטייט אז פסח ביי נאכט גיט דער אויבערשטער א מענטש גאר הויכע מדריגות און ער נעמט דאס צו נאכדעם און די עבודה פון ספירה איז אז מען זאל אנקומען צו די מדריגות וואס מען האט מרגיש געווען ביז חג השבועות. און דאס איז זיכער אז די מדריגות זענען באמת באהאלטן אין דעם מענטש. און דאס זעלבע זעהט מען איז פורים, ווען א עהרליכער איד ווערט שיכור, רעדט ער גאר הויכע השגות, און איז גאר נאנט צום אויבערשטן, איז דאס דער סימן אז די מדריגות זענען באהאלטן אין אים, און דאס מיינט מגילת אסתר אז פורים מיטן טרינקען אנטפלעקט מען די באהאלטענע מדריגות אין זיך, און נאכן ווערן ניכטער גייט דאס אוועק, כדוגמת פסח ביי נאכט. דעריבער איז פורים אליין די הכנה שלשים יום, אז דער מענטש זאל זעהן אז די מדריגות וואס ער זעהט פורים זאלן ארויסגיין לפועל און די השגות זאל שוין זיין בהתגלות ביים סדר נאכט, אז די מדריגות זאלן בלייבן ביים מענטש און גיין העכער און העכער ביז שבועות, קבלת התורה בדחילו ורחימו.

און עס שטייט אין הייליגן ספר בית אהרן קארלין אין פורים פון דער גרויסן סטאלינער זצוק"ל וז"ל וכפי התענוג והחיות של כל אחד שמקבל בפורים, כך הוא בליל שמורים, וכפי שהוא בליל שמורים כך הוא ביום הכפורים, כל אחד לפי מדריגתו בעבודת השי"ת עכ"ל. לויט די פריערדיגן מהלך, אז א מענטש ברענגט ארויס זיינע גרויסע מדריגות אין פורים, און מען נעמט דאס צו, אזוי אויך גיט מען גרויסער מדריגות אין ליל שמורים און מען נעמט דאס צו, און מען דארף הארעווען אין די ספירה טעג ביז מען באקומט די מדריגות צוריק, און אזוי אויך איז יום כיפור, באקומט מען גרויסע מדריגות אויך, און דאס איז אלעס צו ווייזן ווי הויך א מענטש איז אינעווייניג, אז מען זאל צו קומען צו די מדריגות. (שמח זבולון תשפ"ד)

## דרשה פאר שבת הגדול
## פארוואס הייסט דאס שבת הגדול?

שטייט אין טור (או"ח סי' ת"ל) שבת שלפני הפסח קורין אותו שבת הגדול והטעם לפי שנעשה בו נס גדול. דאס צו פארשטיין קען מען מסביר זיין אז די גמ' (יומא דף פו ע"א) שרייבט גדולה תשובה שמגעת עד כסא הכבוד שנא' שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל עַד ה' אֱלֹקֶיךָ (הושע יד ב) זאגן חז"ל אז מען דארף תשובה טאן עשרת ימי תשובה פון ר"ה ביז יו"כ, יעצט די תשובה פון עשרת ימי תשובה זענען תשובה מיראה, און אזוי ווי תשרי איז ר"ה לבריאת העולם און איז א צייט פון תשובה, איז דאך ניסן ר"ה למלכים און אויך א צייט פון עשרת ימי תשובה, אבער די תשובה איז מאהבה וואס איז אסאך העכער פון תשובה פון יראה, קומט אויס אז די אידן האבן תשובה געטאן אין מצרים פון ר"ח ניסן, א תשובה מאהבה, און דעם צענטן טאג איז געווען בֶּעָשֹׂר לַחֹדֶשׁ הַזֶּה וְיִקְחוּ לָהֶם אִישׁ שֶׂה לְבֵית אָבֹת שֶׂה לַבָּיִת, ממילא דארפן אידן זיין גרייט ר"ח ניסן מיט עשרת ימי תשובה, און דער צענטער טאג איז דאך געווען שבת. און מען זעהט אין די תורה אז יום הכיפורים ווערט אנגערופן שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן הִיא לָכֶם וְעִנִּיתֶם אֶת נַפְשֹׁתֵיכֶם חֻקַּת עוֹלָם: (ויקרא טז לא), און יו"כ קומט דאך נאך צען טעג פון תשובה מיראה, ממילא דער שבת

וואס קומט נאך צען טעג פון תשובה מאהבה דארף זיין גרעסער פון שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן פון יו"כ, דעריבער הייסט דאס שבת הגדול, ווייל עס איז גרעסער פון יו"כ וועגן די תשובה מאהבה.

## עניני ליל הסדר

### דרוש ומוסר ענין סיפור יציאת מצרים

עַם זוּ יָצַרְתִּי לִי תְּהִלָּתִי יְסַפֵּרוּ: (ישעיהו מג כא) כלל ישראל איז באשאפן געווארן נאר צו לויבן דעם אויבערשטן, און דאס וויל ער פון אונז, און מען דארף באמת האבן הכרת הטוב צום הייליגן באשעפער וואס ער האט אונז געגעבן געזונט, און אלעס וואס מיר דארפן, וועגן דעם דארף מען אויסנוצן דעם ליל הסדר מיט א דאנק ביז יעצט און תפילות אויף א גוט יאר, אזוי ווי דער הייליגער בית אהרן פון קארלין שרייבט וכאן הבן שואל, אז מען קען אלעס אויספויעלן בליל הסדר, אבער איין נקודה דארף מען וויסן אז מען דארף זיין א מכיר טוב פארן אויבערשטן, ווייל דעמאלטס וועט דער אויבערשטער ווייטער העלפן, און דאס זאגט מען: נודה לך ונספר תהלתיך, וואס עס איז שווער וואס מיינט ונספר א לשון עתיד? נאר דער תירוץ איז פשוט, נודה לך, אז מען וועט דאנקען דעם רבש"ע וואס ער טוט מיט אונז כסדר, תְּהִלָּתִי יְסַפֵּרוּ: און האבן הכרת הטוב צו אים, וועט ער ווייטער געבן גוטס, ממילא ונספר לך, וועלן מיר אים ווייטער דאנקען און דערציילן זיין גוטס.

שפעטער אין דעם גליון ברענגט מיין זיין הר"ר יוסף נ"י דער והוסף הלוי אויפן שטיקל והיא שעמדה, והיא דאס וואס מיר האבן כסדר געדאנקט דעם אויבערשטן האט ער ווייטער געמאכט ניסים און דאס האט אונז געהאלטן אין אלע דורות דורכגיין די אלע גזירות וואס די גוים האבן געוואלט טאן צו אונז עיי"ש. און דאס איז נוגע צו ליל הסדר, ווייל בשעת מען דערציילט די ניסים פון יציאת מצרים, איז דאס מעורר בשעת'ן דערציילן, די זעלבע ניסים וואס זענען דעמאלטס געווען און מען קען זוכה זיין צו באקומען די השפעות פון דעם נס, סיי מיט העכערקייט אין מדריגות בעבודת ה', און סיי בגשמיות, ואח"כ יצאו ברכוש גדול. און מיט דעם איז דאך פארענטפערט וואס דער תוס' יו"ט פרעגט פארוואס שטייט אין די משנה (ברכות פרק א' משנה ה) מזכירין יציאת מצרים און נישט זוכרין? נאר זוכרין מיינט געדענקן פאר זיך, אבער מזכירין מיינט דערציילן פאר אנדערע, און אזוי איז מען מעורר די זעלבע ניסים צו קומען דעם נאכט, וְכָל הַמַּרְבֶּה לְסַפֵּר בִּיצִיאַת מִצְרַיִם הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח. טייטשט דער הייליגער בית אהרן הֲרֵי "זֶה" מְשֻׁבָּח, דער מענטש ווערט אליין בעסער.

איך האב געהערט א דרשה פון הגה"צ ר' יונה פארסט זצוק"ל משגיח פון נייטרא ישיבה. עס איז געווען גלייך נאך די מלחמה ווען עס זענען צאם געקומען די שארית הפליטה אידן און ר' יונה האט גערעדט דברי חיזוק פאר די צובראכענע אידן, האבן אסאך אויסגעגאסן זייער הארץ און געפרעגט היתכן אז דער אויבערשטער האט געטאן אזא זאך פאר זיינע קינדער, און זיי ווילן פארשטיין פארוואס! האט ר' יונה זיך אנגערופן שטארק און קלאר: רבותי אויף די קדושים וואס זענען אוועק האב איך נישט קיין קשיות, ווייל דער אויבערשטער האט א חשבון מיט יעדן זאך, אבער איך פרעג אייך: פארוואס זענען מיר געבליבן לעבן, פארוואס האט דער אויבערשטער אונז געשענקט לעבן? מוז מען זאגן אז דער אויבערשטער האט א פלאן פאר אונז אז מיר דארפן טאן גוטס און פארשפרייטן זיין נאמען און אויך אידישקייט צו די קומענדיגע דורות

ע"כ ר' יונה, אזוי דארפן מיר אויך וויסן אז דער אויבערשטער האט אונז געשענקט און געגעבן לעבן נאך די שווערע תקופות פון פאר פסח תש"פ און ווייטער, און מיר דארפן מאכן א חשבון און זיך פארבעסערן אין די זאכן וואס עס פעלט חיזוק און פארשפרייטן זיין הייליגן נאמען און אידישקייט מיט חן און ליבשאפט.

איך האב געזען דאס זעלבע אין ספר יסוד ושורש העבודה וואס שרייבט אז ווען מען זאגט דער פסוק חסד ה' מלאה הארץ קען מען ממשיך זיין חסדים אויף זיך, מיט דעם קען מען מסביר זיין וואס מען זאגט אין הודו, שירו לו זמרו לו שיחו בכל נפלאותיו, איז דאס משמע אז דער אויבערשטער האט פאר דיר געמאכט וואונדער און דו זינגסט און לויבסט אים, און דער סיבה פארוואס דער אויבערשטער האט דאס געטאן פאר דיר שטייט ווייטער ווייל זכרו נפלאותיו אשר עשה מופתיו ומשפטי פיהו, ווייל דו האסט כסדר דערמאנט און געדענקט די נפלאות פון אויבערשטן האסטו ממשיך געווען אויף די נפלאות, דאס איז דער ענין פון סיפור יציאת מצרים, געבן א נחת רוח פארן גוטס פון אויבערשטן. (שמח זבולון תשפ"ד)

**ליל התקדש חג איז היינט אויך, און פאר יעדן איד**

איין יאר איז אריינגעקומען דער הייליגן ישמח ישראל מאלכסנדר זצוק"ל צום סדר און זיין פנים האט געברענט און געזאגט וז"ל "ליל התקדש חג, אין דער נאכט קען זיך יעדער איינער הייליגן, אפילו דער וואס געפינט זיך אין מ"ט שערי טומאה קען אנקומען צו גאר הויכע מדריגות, און דער וואס גלויבט נישט אין דעם, ער איז טאקע דער רשע פון די הגדה" עכ"ל. (אמרות טהורות אלכסנדר)

**בליל הסדר קען מען הערן דעם קלאפן צו סליחות**

הרה"ק ר' **אשר הגדול** מסטאלין זיע"א האט געזאגט: ווער עס איז א בר דעת ווען ער זיצט ביים סדר פון פסח קען הערן ווי מען קלאפט שוין אין טיר צו זאגן סליחות, ווען זיין אייניקל הרה"ק ר' **אשר** מסטאלין האט דאס דערציילט האט ער מסיים געווען אז דאס איז די טעם פאר וואס נאך פסח ליינט מען פרשת אחרי מות וועגן תשובה.

**ליל שמורים איז נישטא די חשש פון זוגות**

לֵיל שִׁמֻּרִים הוּא לַה' לְהוֹצִיאָם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם הוּא הַלַּיְלָה הַזֶּה לַה' שִׁמֻּרִים לְכָל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְדֹרֹתָם: (שמות יב מב) שטייט דא א מורא'דיגן הבטחה פון אויבערשטן, אז יענע זעלבע נאכט פון פסח, וועט שטענדיג זיין א היטונג פאר כלל ישראל לְדֹרֹתָם: ביז משיח וועט קומען. און מען לערנט ארויס אין די גמ' (פסחים דף ק"ט ע"ב) וואס עס שטייט אין די ברייתא אז מען זאל נישט טרינקען צוויי אדער פיר כוסות ווייל עז איז זוגות, און זוגות איז א סכנה, פונדעסטוועגן אין דעם לֵיל שִׁמֻּרִים איז נישטא קיין מוֹרה פון סכנה, און מען טרינקט פיר כוסות. זאגט דער בית הלוי פון בריסק אויפן פסוק לֵיל שִׁמֻּרִים, דעריבער ביי די פערטע כוס ווייזט מען אז מיר זענען געהיטן פון זוגות און וועגן דעם עפענט מען דיר טיר, ווייזן עס איז נישטא קיין מוֹרא. (המו"ל)

**ליל פסח קען זיין א שמירה אויף א גאנץ יאר**

לֵיל שִׁמֻּרִים הוּא לַה': אלע ווייסן אז די נאכט פון פסח איז א שמירה, אין הייליגן ספר באר מים חיים שטייט אז אין דעם נאכט ווערן בטל אלע דינים און גבורות, ממילא איז פארשטענדלאך וואס עס שטייט פון הייליגן תפארת שלמה: וכאן הבן שואל, דא קען מען בעטן פאר קינדער, און אין ספר בית אהרן

קארלין שטייט: "הבן" מיינט אז "כלל ישראל" בכלל קענען בעטן און וועלן געענטפערט ווערן, לפי הנ"ל איז דאס פשוט ווייל אויב עס זענען נישטא דינים צו מקטרג ממילא גייען ארויף די תפילות אומגעשטערט, און נאך א ענין איז אז די נאכט פון פסח איז גאר גרויס זאגט דער תפארת שלמה אז לֵיל שִׁמֻּרִים, שטייט א לשון רבים, און נישט לֵיל שִׁמּוּר? ווייל די נאכט פון פסח האט די כח צו געבן א שמירה פארן מענטש אויף א גאנץ יאר, און דאס מיינט שִׁמֻּרִים, אסאך שמירות, אויף אסאך נעכט. און דעריבער פאדערט זיך א גרויסע הכנה צו באקומען די שמירה. (שמח זבולון תשפ"ד)

**די מצה בעט זיך ביים איד: עס מיר**

לֶחֶם עוֹנִי: לֶחֶם שֶׁעוֹנִין עָלָיו דְּבָרִים הַרְבֵּה. (פסחים דף לו:) זאגט דער הייליגער חת"ם סופר פשט: לֶחֶם שֶׁעוֹנִין עָלָיו: אז די מצה בעט זיך ביים איד ער זאל איר עסן. שרייבט דער הייליגער גאלאנטער רב הגה"צ ר' יהושע בוקסבוים זצ"ל אין זיין ספר אור פני יהושע, אז וויבאלד דער פשט פון היילגן חת"ם סופר, שטייט נישט אין ש"ס און פוסקים, מוז דאך זיין אז דער חת"ם סופר האט אליין געהערט ווי די מצה בעט זיך ביי אים אז מען זאל אים עסן, איז דאס א מעשה רב. (ראיתי)

**ארויס זאגן די סימנים**

קַדֵּשׁ וּרְחַץ: שטייט אין ספר יסוד ושורש העבודה אז מען זאל ארויס זאגן די סימנים מיטן מויל און אויך זאגן הריני מוכן ומזומן לקיים מצות בוראי פאר יעדן סימן. און שרייבט אז דאס ברענגט א גרויסע נחת רוח פארן אויבערשטן ווען מען זאגט ארויס מיטן מויל יעדן סימן, און נישט נאר די ערשטע סימנים זאל מען זאגן נאר אויך די לעצטע סימן פון נרצה, זאל מען זאגן מיט א געוואלדיגע שמחה, אז דער אויבערשטער האט זיכער באוויליגט אונזערע מעשים עיי"ש. די הייליגע צדיקים האבן ארויס געזאגט די סימנים און מרמז געווען אין זיי העכערע בחינות: קַדֵּשׁ, מען דארף זיך הייליגן, וּרְחַץ, מען דארף זיך ארום וואשן פון די עבירות וכדו'. אגב האב איך געזען א ספר באריכות וואס ווייזט אז די אלע סימנים זענען בענין פון בטחון בה'. (המו"ל)

קַדֵּשׁ: איז דער טייטש: ווען די טאטע קומט אהיים פון שול מאכט ער שנעל קידוש כדי די קליינע קינדער זאלן נישט איינשלאפן. און דאס שטייט אין שו"ע (או"ח סי' תע"ב א') "מצוה למהר ולאכול בשביל התינוקת שלא ישנו." און דער מקור איז א גמ' (פסחים דף ק"ט.) **תניא רבי אליעזר אומר חוטפין מצות בלילי פסחים בשביל התינוקת שלא ישנו.** און רש"י ברענגט ואית דמפרש חוטפין מצה. "אוֹכְלִין מַהֵר" וזה הלשון עיקר. זעט מען אז דער ענין פון עסן שנעל איז כדי די קינדער זאלן נישט איינשלאפן. (המו"ל)

**פארוואס טוט מען אן א קיטל**

די טעם איז ווייל די נאכט איז מען א בחינה פון כהן גדול ווען ער איז אריין געגאנגען לפני ולפנים און ער האט אנגעטאן ווייסע בגדים דעריבער גייט מען א ווייסע קיטל. (לפי המהר"ל) אגב וואלט מען געקענט צושטעלן: אין ספר **בית ישראל השלם** (למוח"ז אדמו"ר ממאטערסדארף פ' צו דף ל"ב) שטייט אז ער האט געהערט פון א איד פון **מאטערסדארף** וואס איז געפארן צום הייליגער **בעלזא רב דער מהרי"ד** זצוק"ל. און דער **בעלזא רב** האט געפרעגט דער איד צו דאס איז אמת אז אין **מאטערסדארף** פירט מען זיך אז ביי א ברית טוהען זיך אן דער בעל ברית און דער מוהל און דער סנדק א קיטל? ענטפערט ער: יא! פרעגט

איך דער בעלזא רב צו ער ווייסט דער טעם? זאגט ער ניין! האט דער בעלזא רב אים געזאגט: די דריי זענען מקריב א קרבן און אזוי ווי משה רבינו האט מקריב געווען שבעת ימי המילואים בבגדי לבן, אזוי אויך גייען די דריי א קיטל, ווייל זיי זענען אין די בחינה פון מקריבי קרבן עכ"ד, דאס איז אפשר אויך דער ענין פון ליל הסדר. וואס עס איז זכר לקרבן פסח און חגיגה, וואס דאס איז א עבודה, און יעדן איד איז אין די בחינה פון מקריבי קרבן, דעריבער טוט מען אן א קיטל –בגדי לבן– בליל הסדר. (שמח זבולון)

**טעם פון נוסח הקידוש "מִכָּל עָם" און נישט "מִכָּל הָעַמִּים"**

אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ מִכָּל עָם וְרוֹמְמָנוּ מִכָּל לָשׁוֹן, וְקִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו. דארף מען פארשטיין פארוואס אין דער נוסח פון קידוש אין יו"ט זאגט מען אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ "מִכָּל עָם" א לשון יחיד, און ביי אלע תפילות און ברכות זאגט מען: אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ "מִכָּל הָעַמִּים", א לשון רבים? נאר די פריערדיגע מפרשים שרייבן אז עס איז דא א חילוק צווישן די ישועות וואס דער אויבערשטער מאכט פאר כלל ישראל עם קרובו און ישועות פאר די פעלקער: ביי כלל ישראל איז די ישועות שלא כדרך הטבע און נסים גלויים, אבער פאר די אומות העולם, אפילו זיי זעען גרויסע ישועות למשל ביי א מלחמה, וועט דאס נאר אויסזעהן אז בדרך הטבע האט די אומה באקומען כח און מנצח געווען, און די זעלבע ביי אלע ישועות, איז דאס בדרך הטבע. און מיט דעם קען מען פארשטיין די ויכוח פון בָּלָק און בִּלְעָם וואס בָּלָק האט געזאגט (במדבר כב ה) הִנֵּה עַם יָצָא מִמִּצְרַיִם, און בִּלְעָם ענטפערט אים: (שם כג כב) קֵל מוֹצִיאָם מִמִּצְרָיִם! נאר בָּלָק האט געזאגט אז די אידן זענען נישט אנדערש פון די אומות העולם, ווייל הִנֵּה עַם יָצָא מִמִּצְרַיִם, זיי זענען ארויס פון מצרים בדרך הטבע, ווייל זיי זענען געווען א שטארקע פאלק, און עס איז נישט געווען קיין נסים, האט אים בִּלְעָם געענטפערט: קֵל מוֹצִיאָם מִמִּצְרָיִם, דער אויבערשטער האט זיי יא ארויס גענומען פון מצרים, כְּתוֹעֲפֹת רְאֵם לוֹ, עס איז געווען זייער אסאך נסים דעמאלטס, ממילא איז כלל ישראל עם קרובו, און ווערט גארנישט קענען טאן שלעכט צו זיי. דאס מיינט אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ מִכָּל "עָם", אפילו פון די פאלק וואס האט געהאט גרויסע ישועות פון אויבערשטן, איז דאס אלעס נאר בדרך הטבע, אבער אונז האט דער אויבערשטער אויס געקליבן אלץ עם קרובו און פאר אונז זענען די ישועות מיט נסים גלויים, און שלא כדרך הטבע, און טאקע ביי יציאת מצרים האט מען דאס געזען די ערשטע מאל. נאר וויבאלד מען זאגט דער נוסח ביי פסח וואס איז די ראש המועדות, זאגט מען דעם זעלבן נוסח ביי יעדן קידוש פון יו"ט. (הגדה ליל שמורים עם תוספות בנימין אב"ד זאלשין תרנ"ט)

**ד' כוסות מיט גלעזערנע בעכער'ס**

אין ספר עשר צחצחות (מערכת ט אות נח) ברענגט ער אז דער הייליגער דברי חיים מצאנז זיע"א האט געטרונקען די ד' כוס אין די נעכט פון פסח מיט א בעכער פון גלאז און נישט פון זילבער. עס איז אינטערעסאנט אז אין ספר ארחות רבינו שטייט אז די הייליגער סטייפלער גאון, דער בעל קהלות יעקב, האט זיך אויך געפירט צו טרינקען די ד' כוסות מיט גלאז בעכער, און עס שטייט אז מען ווייסט נישט די טעם! נאר לענ"ד עס איז ידוע אז די סטייפלער גאון איז געווען א הורניסטייפלער חסיד, וואס הרה"ק ר' מרדכי דוב פון הורניסטייפול זיע"א איז געווען א איידעם ביים הייליגן צאנזער רב, און יתכן האט

דער סטייפלער דאס געזען ביי זיין רבין. אבער באמת די וועלט זאגט בשם די חכם צבי, אז ער האט אויך געטרונקען ד' כוסות מיט גלאז בעכער, און ער האט געזאגט א טעם אז מען זאל זען די וויין, ווייל עס שטייט אין (משלי כג לא) אַל תֵּרֶא יַיִן כִּי יִתְאַדָּם, זעהט מען אז וויין דארף מען זען, און אין א גלאזערנער בעכער קען מען זעהן די וויין! (שמח זבולון תש"פ)

## סַבְרִי מָרָנָן וְרַבָּנָן וְרַבּוֹתַי

בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם בּוֹרֵא פְּרִי הַגָּפֶן.

בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ מִכָּל עָם וְרוֹמְמָנוּ מִכָּל לָשׁוֹן וְקִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו. וַתִּתֶּן לָנוּ יְיָ אֱלֹהֵינוּ בְּאַהֲבָה (בְּשַׁבָּת: שַׁבָּתוֹת לִמְנוּחָה וּ)מוֹעֲדִים לְשִׂמְחָה, חַגִּים וּזְמַנִּים לְשָׂשׂוֹן, אֶת יוֹם (הַשַּׁבָּת הַזֶּה וְאֶת יוֹם) חַג הַמַּצּוֹת הַזֶּה, זְמַן חֵרוּתֵנוּ (בְּאַהֲבָה), מִקְרָא קֹדֶשׁ, זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרָיִם. כִּי בָנוּ בָחַרְתָּ וְאוֹתָנוּ קִדַּשְׁתָּ מִכָּל הָעַמִּים, (וְשַׁבָּת) וּמוֹעֲדֵי קָדְשֶׁךָ (בְּאַהֲבָה וּבְרָצוֹן,) בְּשִׂמְחָה וּבְשָׂשׂוֹן הִנְחַלְתָּנוּ. בָּרוּךְ אַתָּה ה' מְקַדֵּשׁ (הַשַּׁבָּת וְ)יִשְׂרָאֵל וְהַזְּמַנִּים.

בְּמוֹצָאֵי שַׁבָּת מוֹסִיפִין:

בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, בּוֹרֵא מְאוֹרֵי הָאֵשׁ. בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם הַמַּבְדִּיל בֵּין קֹדֶשׁ לְחֹל, בֵּין אוֹר לְחֹשֶׁךְ, בֵּין יִשְׂרָאֵל לָעַמִּים, בֵּין יוֹם הַשְּׁבִיעִי לְשֵׁשֶׁת יְמֵי הַמַּעֲשֶׂה. בֵּין קְדֻשַּׁת שַׁבָּת לִקְדֻשַּׁת יוֹם טוֹב הִבְדַּלְתָּ, וְאֶת יוֹם הַשְּׁבִיעִי מִשֵּׁשֶׁת יְמֵי הַמַּעֲשֶׂה קִדַּשְׁתָּ. הִבְדַּלְתָּ וְקִדַּשְׁתָּ אֶת עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל בִּקְדֻשָּׁתֶךָ. בָּרוּךְ אַתָּה ה' הַמַּבְדִּיל בֵּין קֹדֶשׁ לְקֹדֶשׁ.

בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה.

---

## ~~~~~ פירושים על ההגדה ~~~~~

**הָא לַחְמָא עַנְיָא דִּי אֲכָלוּ אַבְהָתָנָא בְּאַרְעָא דְמִצְרָיִם. כָּל דִּכְפִין יֵיתֵי וְיֵיכֹל, כָּל דִּצְרִיךְ יֵיתֵי וְיִפְסַח. הָשַׁתָּא הָכָא, לְשָׁנָה הַבָּאָה בְּאַרְעָא דְיִשְׂרָאֵל. הָשַׁתָּא עַבְדֵי, לְשָׁנָה הַבָּאָה בְּנֵי חוֹרִין**

### דרוש נאה להגדה הא לחמא עניא

**פארוואס הויבט מען אן די הגדה מיט הא לחמא עניא?** דארף מען פארשטיין אז די גמ' זאגט אז מען הויבט אן די הגדה מיט עבדים היינו און ענדיגט מיט גאל ישראל, אויב אזוי פארוואס זאגן מיר אין אנפאנג הָא לַחְמָא עַנְיָא? אויף מה נשתנה קען מען פארשטיין ווייל עס איז דא די מצוה פון והגדת לבנך ביום ההוא, איז בעזה"י האב איך געטראכט אז אין דער הא לחמא עניא ליגט שטארקע יסודות אין הנהגת האדם אזוי ווי דער הייליגער בית אהרן שרייבט אז עס הייסט סדר ווייל דאס ווייזט א סדר אויף די גאנצע יאר, ממילא קען זיין אז די ערשטער גוטע מדה וואס א איד דארף האבן איז הכרת הטוב פארן אויבערשטן, און עס איז דא דער באוואוסטער קשיא אויף הָא לַחְמָא עַנְיָא דִּי אֲכָלוּ אַבְהָתָנָא בְּאַרְעָא דְמִצְרָיִם, וואס לכאורה איז שווער אז מצה האט מען געגעסן ווען מען

איז ארויס פון מצרים? נאר באמת האבן די אידן אויך געגעסן מצה אין מצרים ווייל דאס בלייבט לענגער אין די מענטש, קומט אויס אז היינט קען יעדער איד עסן וואס ער וויל און האט אפעטיט צו עסן, דארף מען מכיר טוב זיין אז מיר זענען פריי, און נאכדעם זאגט מען כָּל דִּכְפִין יֵיתֵי וְיֵיכֹל, וואס דער באוואוסטע קשיא איז פארוואס זאגט מען דאס ביים סדר און נישט פאר פסח, אדער מען זאל שטיין ביים טיר רופן געסט און זאגן כָּל דִּכְפִין יֵיתֵי וְיֵיכֹל? נאר אין דער כל דכפין ליגט צוויי נקודות, ווייל ווען מיר זענען א קנעכט ביי יענעם קען מען נישט אריין נעמען געסט אדער איינלאדענען צו עסן מיט דיר דער קרבן פסח, ממילא מוז מען דאנקען דעם אויבערשטן אז מיר קענען דאס טאהן ווייל מיר זענען פריי, געבן מיר א שבח והודאה, און אויך זענען מיר מכיר טוב פארן אויבערשטן, ממילא איז גוט פארוואס מען זאגט כל דכפין ביים סדר, וואס דאס איז א שבח והודאה אויף אונזער חירות, און נישט כפשוטו איינלאדענען יעצט געסט, און דער דריטע זאך איך הָשַׁתָּא הָכָא, לְשָׁנָה הַבָּאָה בְּאַרְעָא דְיִשְׂרָאֵל. הָשַׁתָּא עַבְדֵי, לְשָׁנָה הַבָּאָה בְּנֵי חוֹרִין וואס דאס איז תפילה אויף ווייטער, ווייל א איד דארף דאנקען דעם אויבערשטן וואס ער האט געטאן מיט אים ביז יעצט און ער מוז ווייטער מתפלל זיין אויף נאך, איז דא דריי יסודות, הכרת הטוב, שבח והודאה און תפילה, וואס איז א סדר ווי זיך צו פירן אויף א גאנץ יאר. עס שטייט אין הגדה ליל שמורים פון ערוך השלחן וואס שרייבט אז דער חיוב פון סיפור יציאת מצרים האט צוויי חלקים וז"ל האחד להודות לה' על טובו וחסדו עמנו והשנית לספר שבחיו ונפלאותיו יתברך עכ"ל ממילא דאס פאסט געוואלדיג פאר אונזער פשט, וואס פריערט הויבט מען אן די הגדה מיט הודאה און הכרת הטוב כנ"ל, און נאכדעם לספר שבחיו, ועל כולם נאכדעם תפילה, אזוי ווי רַבִּי אֱלִיעֶזֶר זאגט שׁוֹאֵל אָדָם צְרָכָיו וְאַחַר כָּךְ יִתְפַּלֵּל שֶׁנֶּאֱמַר (תהלים קב א) תְּפִלָּה לְעָנִי כִי יַעֲטֹף וְלִפְנֵי ה' יִשְׁפֹּךְ שִׂיחוֹ וְגוֹ' אֵין שִׂיחָה אֶלָּא תְּפִלָּה שֶׁנֶּאֱמַר וַיֵּצֵא יִצְחָק לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה ווייל ער האלט ווי רַבִּי שִׂמְלַאי אז לְעוֹלָם יְסַדֵּר אָדָם שִׁבְחוֹ שֶׁל מָקוֹם וְאַחַר כָּךְ יִתְפַּלֵּל מְנָלַן מִמֹּשֶׁה רַבֵּינוּ דִּכְתִיב (דברים ד כג) ה' אֱלֹקִים אַתָּה הַחִלּוֹתָ לְהַרְאוֹת אֶת עַבְדְּךָ וְגוֹ' און נאכדעם שטייט אֶעְבְּרָה נָּא וְאֶרְאֶה אֶת הָאָרֶץ הַטּוֹבָה, זעהט מען אז משה האט פריערט געזאגט שבחים פון אויבערשטן אזוי איז ביי הָא לַחְמָא עַנְיָא און כָּל דִּכְפִין יֵיתֵי וְיֵיכֹל, און נאכדעם איז מען מתפלל לְשָׁנָה הַבָּאָה בְּאַרְעָא דְיִשְׂרָאֵל. און בְּנֵי חוֹרִין, ודו"ק. (שמח זבולון תשפ"ג)

**זאגן די הגדה מיט א קאך און א ברען**

**הָא לַחְמָא עַנְיָא:** מען דארף זאגן די הגדה כאילו הוא עצמו יצא ממצרים, און מרגיש זיין ביי זיך דעם ענין פון ארויסגיין פון מצרים, אבער נאר ווען מען לעבט מיט אין די הגדה און מען זאגט דאס מיט א געשמאק. און עס איז פאסיג וואס דער הייליגער אמרי חיים מוויזניץ זיע"א שרייבט אין פרשת צו: וְהָאֵ"שׁ עַ"ל הַמִּזְבֵּ"חַ איז בגימט' סד"ר לחמא עני"א 474, אז די הייליגע סדר נאכט פון פסח, תּוּקַד בּוֹ, זאל אין אים ברענען, מיט א קאך, לֹא תִכְבֶּה, און דאס זאל נישט פארלעשן, וּבִעֵר עָלֶי' עֵצִי"ם, – עֵצִי"ם איז בגימ' לַחְמָא עַנְיָא 210– ע"כ. לויט די הייליגע רייד קען מען זאגן: די **לחמא עניא** פון פסח ביינאכט גיט די מענטש האלץ, אריינלייגן אין זיין פייער אז ער זאל ברענען אין עבודת ה' א גאנץ יאר, און יעדן איד האט דאך דעם פייער אינעווייניג, און מיט די האלץ ווערט ער פלאקערן, דאס קען זיין פשט פון הייליגן בית אהרן אז סדר מיינט דאס איז א סדר

אויף א גאנץ יאר, פון דעם ליל הסדר מיט א קאך, קען מען דעם קאך ממשיך זין אויף א גאנץ יאר, לֹא תִכְבֶּה. דער ענין איז אויך געברענגט אין ספה"ק בית אהרן פרשת צו עיי"ש (שמח זבולון תשפ"ב)

## דרוש נאה: ענין פון ה"א לחמא עניא איז תורה שבע"פ און יראת ה'

הָ"א לַחְמָא עַנְיָא: שטייט אין מדרש, לחם זו תורה, דכתיב לְכוּ לַחֲמוּ בְלַחֲמִי וּשְׁתוּ בְּיַיִן מָסָכְתִּי. (משלי ט ה) קען מען מרמז זיין אז די עיקר נסים פון סיפור יציאת מצרים טרעפט מען אין די תורה שבעל פה, און ה"א איז גימט' 6, וואס איז מרומז אויף ששה סדרי משנה וואס דאס איז תושבע"פ, דעריבער הויבט אן די בעל הגדה מיט ה"א, און דאס קען זיין פשט הָ"א לַחְמָא, וואס איז די תושבע"פ, עַנְיָא, שֶׁעוֹנִין עָלָיו דְּבָרִים הַרְבֵּה (פסחים דף לו:), דארף מען ענטפערן און רעדן סיפור יציאת מצרים מיט דברי חז"ל, ממילא איז דא אסאך וואס צו דערציילן, און מען קען מקיים זיין וְכָל הַמַּרְבֶּה לְסַפֵּר בִּיצִיאַת מִצְרַיִם הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח, און טאן אזוי ווי די הייליגע תנאים האבן געטאן, וואלט מען געקענט זאגן ווייטער וואס ה"א איז די ששה סדרי משנה, משניות, לויט וואס עס שטייט אין מדרש (ויקרא רבה פרשה ז' ג') רב הונא זאגט אין כל הגליות הללו מתכנסות אלא בזכות המשניות, אזוי ווי עס שטייט גַּם כִּי יִתְנוּ בַגּוֹיִם עַתָּה אֲקַבְּצֵם (הושע ח, י) דעריבער פאנגט מען אן ה"א, משניות, וואס דאס וועט אונז אויסלייזן, לְשָׁנָה הַבָּאָה בְּנֵי חוֹרִין, און נאך זאגט דער אויבערשטער: הואיל ואתם מתעסקים במשנה כאילו אתם מקריבים קרבן. דאס איז כָּל דִּצְרִיךְ יֵיתֵי וְיִפְסַח, דעם ענין פון א קרבן ביי לערנען משניות. אבער עס איז דא אזאך וואס איז העכער פון לימוד המשניות לויט וואס דער הייליגער ערוגת הבושם זיע"א שרייבט אין זיין הגדה הלל נרצה אז הָא לַחְמָא עַנְיָא איז בגימט' ירא"ה 216, צו מרמז זיין: וְהָיָה אֱמוּנַת עִתֶּיךָ חֹסֶן יְשׁוּעֹת חָכְמַת וָדָעַת יִרְאַת ה' הִיא אוֹצָרוֹ. (ישעיה לג ו) וואס חז"ל זאגן (שבת לא.) וְהָיָה אֱמוּנַת עִתֶּיךָ וגו' אֱמוּנַת זה סדר זרעים, עִתֶּיךָ זה סדר מועד, חֹסֶן זה סדר נשים, יְשׁוּעֹת זה סדר נזיקין, חָכְמַת זה סדר קדשים, וָדָעַת זה סדר טהרות, אבער איבער אלעס איז יִרְאַת ה' הִיא אוֹצָרוֹ. דעריבער פאנגט אן די בעל הגדה מיט ירא"ה וואס דאס איז א עיקר. קומט אויס אז טאקע דער הָ"א איז תורה שבע"פ, די ששה סדרי משנה, אויך איז מרומז אין פסוק וְהָיָה אֱמוּנַת עִתֶּיךָ – וְ'– 6, הָיָה, און בזכות לימוד משניות נגאלין, אבער ועל כולם איז הָא לַחְמָא עַנְיָא גימט' ירא"ה, ווייל סוֹף דָּבָר הַכֹּל נִשְׁמָע אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְאֶת מִצְוֹתָיו שְׁמוֹר כִּי זֶה כָּל הָאָדָם (קהלת יב יג) און רב הונא זאגט (ברכות דף ו ע"ב) **כל אדם שיש בו יראת שמים דבריו נשמעין**, קען מען זאגן אז נשמעין מיינט אז דער אויבערשטער הערט צו וואס דער מענטש זאגט, דעריבער דער נאכט פון פסח ביים סדר וואס איז א שטארקער ענין צו מתפלל זיין, איז פאסיג ביים אנפאנג סדר צו זאגן הָא לַחְמָא עַנְיָא גימט' ירא"ה, ווייל דורך האבן יראת שמים וועלן דיינע תפילות אנגענומען ווערן תיכף אמן. (שמח זבולון תשפ"ג)

## פארוואס פריידט מען זיך ווען מיר זענען נאך אין גלות?

הָא לַחְמָא עַנְיָא וגו' הָשַׁתָּא עַבְדֵי, לְשָׁנָה הַבָּאָה בְּנֵי חוֹרִין, צו פארשטיין די ענין פון לְשָׁנָה הַבָּאָה? אויך וואס איז אונזער שמחה ווען מיר זענען נאך אין גלות און מיר עסן נאך די ארעמע ברויט? נאר דער דובנא מגיד ענטפערט דאס מיט א משל: עס איז געווען א קעניג וואס האט

געהאט צוויי תפיסות, איינס איז געווען פאר גרויסע פארברעכערס, און פון דארטן האט מען נישט געקענט באפרייט ווערן אייביג, און א אנדערע תפיסה פאר קלענערע עבירות וואס דארטן האט מען געמאכט א גורל ווען עס איז געבוירן א זון ביי די משפחה פון קעניג, און באפרייט עטליכע פון די איינגעצעצטע, איינמאל איז דער קעניג דורך געגאנגען דער שווערע תפיסה און געהערט ווי איינער קרעכץ און שרייט פון ווייטאג, איז דער קעניג געגאנגען קוקן וואס איז געשען, און ער זעהט ווי איינער איז שטארק קראנק, און איז א מסוכן, האט דער קעניג רחמנות געהאט אויף אים און געהייסן מען זאל אים לייגן אין שפיטאל זיך אויסצוהיילן, דער מענטש האט געדאנקט דעם קעניג און איז געווארן אויסגעהיילט, נאך זיין היילן האט דער קעניג רחמנות געהאט ווייטער אויף אים און אים אריינגעלייגט אין די גרינגערע תפיסה, דער מענטש האט נישט געוואוסט וואס איז דער חילוק וועלכע תפיסה ער איז! האבן די מענטשן אים געטרייסט, אז אין די אנדערע תפיסה וואלט ער קיינמאל נישט געהאט א מעגליכקייט צו ווערן באפרייט, אבער דא קען ער ווערן באפרייט ווען א זון וועט געבוירן ווערן ביים קעניגס משפחה! דער נמשל איז: ווען די אידן וואלטן געבליבן אין מצרים און געווארן איינגעזונקען אין די נ' שערי טומאה, וואלטן זיי געבליבן דארטן אייביג, אבער אז דער אויבערשטער האט אונז ארויסגענומען פון דארט, אפילו מיר זענען נאך אין גלות, אבער פון דעם גלות קען זיך מאכן אז יעדע רגע זאל אונז דער אויבערשטער אויסלייזן, דעריבער איז גוט הָשַׁתָּא הָכָא, לְשָׁנָה הַבָּאָה בְּאַרְעָא דְיִשְׂרָאֵל הָשַׁתָּא עַבְדֵי, לְשָׁנָה הַבָּאָה בְּנֵי חוֹרִין, מיר זענען דא און נישט אין מצרים, ממילא איז מעגלאך אז לשנה הבאה וועלן מיר ווערן אויסגעלייזט. (הגדה מצה שלמה להגה"ק משמלאוי)

**גדולה צדקה וואס איז מקרב די גאולה**

הָא לַחְמָא עַנְיָא, כָּל דִכְפִין, שָׁנָה הַבָּאָה בְּנֵי חוֹרִין: שטייט אין ספר רבינו בחיי אז איינע פון די סיבות וואס כלל ישראל זענען געגאנגען קיין מצרים ארבעטן, איז ווייל זיי האבן נישט מחזק געווען ארימעלייט מיט צדקה, און עס איז דא א מדרש אכביר וואס שרייבט, אז ווען די אידן זענען ארויס פון מצרים האבן זיי געמאכט א בונד און א אפמאך צווישן זיך צו טאן חסד איינער מיט'ן אנדערן. ווייל זיי האבן מרגיש געווען אז צוליב דעם נישט טאן חסד זענען זיי געווען משועבד צו מצרים. זאגט די חיד"א אז דאס איז פשט: הָא לַחְמָא עַנְיָא דִי אֲכָלוּ: פארוואס האט מען געגעסן לחם עוני אין מצרים, דאס איז געווען א עונש פארוואס מען האט נישט געגעבן לחם צו די עניים. דעריבער דאס צו מתקן זיין איז: כָּל דִכְפִין יֵיתֵי וְיֵיכֹל: טאן חסד איינער מיטן אנדערען, אזוי ווי עס שטייט גדולה צדקה שמקרבת את הגאולה. וועט שוין זיין: לְשָׁנָה הַבָּאָה בְּאַרְעָא דְיִשְׂרָאֵל מיט די גאולה שלימה בב"א. (שמחת הרגל להחיד"א)

**פארוואס זאגט מען בלשון ארמי**

הָא לַחְמָא עַנְיָא: שרייבט דער שבלי הלקט –א ראשון– פארוואס זאגט מען הָא לַחְמָא עַנְיָא בלשון ארמי? כדי די מזיקין זאלן נישט פארשטיין און מקלקל זיין די סעודה. לכאורה איז שווער, ווייל די נאכט איז ליל שמורים איז דאך דא א שמירה אויך פון מזיקין? נאר ווען עס איז א ליל שמורים קענען זיי נישט אנקומען אליין, אבער ווען מען רופט כָּל דִכְפִין יֵיתֵי וְיֵיכֹל, און מען לאדענט יעדן! דעמאלטס עפענט זיך די טיר אז אסאך מזיקין זאלן קענען

ארייננקומען ח"ו, וועגן דעם זאגט מען בלשון ארמי, כדי די מזיקין זאלן נישט פארשטיין אז מען לאדענט איין מענטשן ממילא וועלן די מזיקין דעמאלטס אויך נישט קומען. (הגדה לר' ראובן מלמד, תפלת חנה)

### דער ענין צו מאכן שינויים אז די קינדער זאלן פרעגן

עס שטייט אין רמב"ם (הל' חמץ ומצה פ"ז ה"ג) וז"ל "וצריך לעשות שינוי בלילה הזה כדי שיראו הבנים וישאלו ויאמרו מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות" עד שישיב להם ויאמר להם כך וכך אירע כך וכך היה וכיצד משנה מחלק להם קליות ואגוזים ועוקרים השולחן מלפניהם קודם שיאכלו וחוטפין מצה זה מיד זה וכיוצא בדברים אלו עכ"ל. זעט מען אז דעם ענין איז צו מאכן וואס מער שינויים פון א גאנץ יאר כדי די קינדער זאלן וואונדערן און פרעגן מה נשתנה, ממילא דאס אליין וואס מען פאנגט אן די הגדה מיט לשון ארמי, וועט אויך מעורר זיין די קינדער צו פרעגן. מען קען גיין א טרעפל ווייטער, ווייל אין בבל האבן אלע געקענט לשון ארמי האבן חז"ל געהאט א כוונה אז מען זאל זאגן הא לחמא בלשון ארמי, און ווען מען זאגט כָּל דִּכְפִין יֵיתֵי וְיֵיכֹל, וועט דער קינד זיך וואונדערן פארוואס אלע נעכט פון א גאנץ יאר רופט מען נישט אויס כָּל דִּכְפִין, וועט דער שינוי ברענגען אז די קינדער וועלן פרעגן מה נשתנה. (הגדה לחם הפנים הר' יוסף דוד משאלוניקי תצ"ט)

### שייכות פסח צו תשעה באב

הָא לַחְמָא עַנְיָא: שטייט אין מדרש רבה גָּלְתָה יְהוּדָה מֵעֹנִי, שלא אכלו לחם עוני. קען מען דאס מסביר זיין אז דער חורבן בית המקדש איז געווען וועגן גַּסֵי הָרוּחַ. גאות, און לחם עוני איז מרומז אויף ענוה. דורך דעם וואס מען האט נישט בשפלות ביי זיך, זענען זיי געקומען צו גַּס הָרוּחַ און גורם געווען דעם חורבן בית, אבער אז אידן וועלן זיך האלטן בענוה וועט זיין די גאולה בבחינת לחם עניא, און די רמז, עני"א איז די ר"ת נ'חמו ע'מי י'אמר א'לקיכם. און עס שטייט צוויי מאל נחמו. און נחמ"ו נחמ"ו איז בגימ' "לחם עוני", דורך ענווה וועט זיין די נחמה און גאולה. (אור שמחה) קען מען צולייגן אז לויט דעם פשט איז דא א שטארקן שייכות פון ליל פסח צו תשעה באב, אויב אזוי איז גוט וואס חז"ל זענען מרמז א"ת ב"ש ג"ר: גייט ארויף אויף די טעג פון פסח, וועט אויספאלן אנדערע ימים טובים, א' פסח וועט אויספאלן ת'שעה באב, ב' דפסח וועט אויספאלן שבועות און ג' דפסח וועט אויספאלן ראש השנה וכו', יעצט פארשטייט מען די שייכות פסח פון לחם עוני צו נחמה פון תשעה באב. (שמח זבולון)

### חַסַל איז אויך בלשון ארמי

הָא לַחְמָא עַנְיָא... חֲסַל. הָא לַחְמָא עַנְיָא איז לשון ארמי, ווייל אין בבל האט מען גערעדט בלשון ארמי. עס שטייט אין הגדה פון מהרי"ל פון מנהגי מהר"ש - מגדולי הפוסקים- אז מען ענדיגט אויך די הגדה מיט חסל סידור פסח. וואס חסל איז אויך בלשון ארמי, און דער טעם איז: כדי די אורחים פון בבל זאלן פארשטיין חסל, דאס מיינט געענדיגט – אז דער סדר האט זיך שוין געענדיגט און מען קען שוין אהיים גיין עכ"ד, יעצט, אז די בני בבל האבן נישט פארשטאנען לשון הקודש, וואס האבן זיי געטאן די גאנצע סדר? מוז מען זאגן אז ווייל דער ענין פון סיפור יציאת מצרים איז צו מקיים זיין והגדת לבנך, און בנך איז א קינד וואס געוויינטלאך פארשטייט נישט קיין לשון הקודש, קומט אויס אז די מצוה איז צו דערציילען דעם סיפור

בכל לשון כדי די קינדער און בני בית זאלן פארשטיין. דעריבער, פאר די קינדער פון בבל האט מען דערציילט דעם סיפור בלשון ארמי, אבער די הגדה האט דער בעל הבית געזאגט בלשון הקודש, און נאכן זאגן די הגדה בלשון הקודש און דעם סיפור בלשון ארמי, האבן די בני בבל געדארפט וויסן ווען איז די ענדע פון סדר, דעריבער זאגט מען חסל בלשון ארמי.

(שמח זבולון)

## מַה נִּשְׁתַּנָּה הַלַּיְלָה הַזֶּה מִכָּל הַלֵּילוֹת, שֶׁבְּכָל הַלֵּילוֹת אָנוּ אוֹכְלִין חָמֵץ וּמַצָּה, הַלַּיְלָה הַזֶּה כּוּלוֹ מַצָּה. שֶׁבְּכָל הַלֵּילוֹת אָנוּ אוֹכְלִין שְׁאָר יְרָקוֹת, הַלַּיְלָה הַזֶּה מָרוֹר. שֶׁבְּכָל הַלֵּילוֹת אֵין אָנוּ מַטְבִּילִין אֲפִילוּ פַּעַם אֶחָת, הַלַּיְלָה הַזֶּה שְׁתֵּי פְעָמִים. שֶׁבְּכָל הַלֵּילוֹת אָנוּ אוֹכְלִין בֵּין יוֹשְׁבִין וּבֵין מְסֻבִּין, הַלַּיְלָה הַזֶּה כֻּלָּנוּ מְסֻבִּין.

**פארוואס פרעגט מען נישט לָמָה נִשְׁתַּנָּה?**

מַה נִּשְׁתַּנָּה: פארוואס פרעגט מען "מַה" און נישט "לָמָה" נִשְׁתַּנָּה? נאר מען וויל מרמז זיין וואס עס שטייט אין מגילת אסתר (ו א): בַּלַּיְלָה הַהוּא נָדְדָה שְׁנַת הַמֶּלֶךְ, דער מלך איז נישט געשלאפען יענע נאכט וואס עס איז געווען די נאכט פון פסח, און עס האט זיך דעמאלטס אנגעפאנגען די מפלה פון הָמָ"ן, דעריבער איז די ר"ת מ'ה נ'שתנה ה'לילה – הָמָ"ן: צו מרמז זיין הָמָ"ן אין אנפאנג פון די הגדה די נאכט פון פסח, דעריבער זאגט מען נישט לָמָה נִשְׁתַּנָּה. (פנינים יקרים)

**די לאנגע גלות**

מַה נִּשְׁתַּנָּה הַלַּיְלָה הַזֶּה מִכָּל הַלֵּילוֹת: שֶׁבְּכָל הַלֵּילוֹת אָנוּ אוֹכְלִין חָמֵץ וּמַצָּה, הַלַּיְלָה הַזֶּה כּוּלוֹ מַצָּה. עס שטייט ביי משה רבינו ווען ער האט געזען צוויי מענטשן זיך ארום קריגן האט ער געזאגט אכן נודע הדבר, ווייל מחלוקת איז גורם גלות. עס איז דא א מענטש וואס ער וויל נישט די מחלוקת אבער וועגן כבוד אדער גאוה, אדער האט ער מורא אז זיין חבר וועט אים באזיגן, דעריבער שלאגט ער אים, "חמץ" איז מרומז אויף גאוה" ווייל די טבע פון חמץ איך זיך צו האלטן גרויס, –עס בלאזט אויף–, און מצה איז א לשון מצה ומריבה, –א לשון פון קריגעריי– און נאכט איז מרומז אויף גלות וואס דאס איז זייער טונקל אזוי נאכט. אויף דעם זאגט די בעל הגדה מַה נִּשְׁתַּנָּה הַלַּיְלָה הַזֶּה וואס איז די נאכט אנדערש פון די אנדערע גליות וואס עס איז מער טונקעל? אויף דעם איז די תירוץ שֶׁבְּכָל הַלֵּילוֹת אָנוּ אוֹכְלִין חָמֵץ וּמַצָּה עס איז דא צוויי שלעכטע מדות, גאוה און קריגעריי, אבער ביידע זענען איינס אנטקעגן דעם צווייטן, און א פאר מאל איז די גאוה דוחה די קריעגעריי און דורך דעם ווערט וויניגער די מחלוקת, אבער הַלַּיְלָה הַזֶּה וואס דאס איז דעם גלות, איז כּוּלוֹ מַצָּה, וועגן דעם איז דא אסאך מחלוקת, און דאס איז סיבה פון די לאנגע גלות. (נודע ביהודה אין חי' הצל"ח)

**הלילה הַזֶה אדער הלילה הַזאת**

מַה נִּשְׁתַּנָּה הַלַּיְלָה הַזֶּה מִכָּל הַלֵּילוֹת. פרעגן אלע די קשיא, הַלַּיְלָה איז לשון נקיבה [ליל איז א לשון זכר] און הַזֶּה איז לשון זכר [זאת איז לשון נקיבה] וואלט געדארפט שטיין הַלַּיְלָה הַזֹּאת? נאר ביי די נאכט פון פסח שטייט לילה כיום יאיר, קומט אויס אז דער בחינה פון לילה איז געווען יום. איז דאס מיינט הַלַּיְלָה הזה וואס איז באמת יום. און דעריבער שטייט וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ בַּיּוֹם הַהוּא לֵאמֹר. שטייט בַּיּוֹם אבער דער מצוה פון וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ איז דאך באנאכט, ווען מצה ומרור מונחים לפניך, איז דאך די ראי' אז די נאכט פון

פסח איז אנגערופן יום. און נאך א ראי': ווייל די גמ' מגילה שרייבט, אז מען טאר נישט זאגן הלל באנאכט און פונדעסטוועגן זאגט מען הלל פסח באנאכט! נאר דער תירוץ איז, אז פסח באנאכט איז יום (שפת אמת) אויף דעם זאגט דער אמרי אמת אז אין מס' שמחות פרעגט די ברייתא א קשיא עס שטייט ביום הכותי כל בכור. שטייט אויך ביום. אבער מכת בכורות איז דאך געווען באנאכט? אבער לויטן שפת אמת איז פארענטפערט, ווייל די נאכט איז געווען בחינת יום וועגן דעם שטייט ביום הַכֹּתִי. (אמרי אמת)

## וואס מיינט מה נשתנה?

מַה נִּשְׁתַּנָּה הַלַּיְלָה הַזֶּה מִכָּל הַלֵּילוֹת וכו' עֲבָדִים הָיִינוּ לְפַרְעֹה בְּמִצְרָיִם: דארף מען פארשטיין פאר יארן האט מען געפרעגט מַה נִּשְׁתַּנָּה און מען האט געענטפערט עֲבָדִים הָיִינוּ, פארוואס פרעגט מען נאכאמאל דאס זעלבע? נאר בדרך הלצה דערציילט מען אז א פרוי פלעגט וויינען ווען זי האט געליינט די פרשה פון מכירת יוסף ביז איין יאר האט זי געזאגט אז יוסף האט געוואוסט אז מען גייט אים אריינווארפן אין גרוב פארוואס האט ער נישט אכטונג געגעבן און זי האט מער נישט געוויינט! נאר דער הייליגער דברי שמואל פון סלאנים טייטשט מַה נִּשְׁתַּנָּה מיט וואס בין איך געשטיגן דעם יאר מער פון פאר יארן, דאס מיינט וַאֲפִילוּ כֻּלָּנוּ חֲכָמִים, כֻּלָּנוּ נְבוֹנִים, כֻּלָּנוּ זְקֵנִים, כֻּלָּנוּ יוֹדְעִים אֶת הַתּוֹרָה, מִצְוָה עָלֵינוּ לְסַפֵּר בִּיצִיאַת מִצְרַיִם. וְכָל הַמַּרְבֶּה לְסַפֵּר בִּיצִיאַת מִצְרַיִם הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח. ווייל וואס העכער מען ווערט דערהערט מען מער די גרויסקייט פון יציאת מצרים, דעריבער פרעגט מען יעדן יאר ווייל מיר ווילן זיין העכער און פארשטיין טיפער. (שמח זבולון תשפ"ב)

## פיר קשיות אדער פינף קשיות?

מַה נִּשְׁתַּנָּה הַלַּיְלָה הַזֶּה: דער רמב"ם אין פי' המשניות האט די נוסח פון די פיר קשיות אזוי ווי די משנה (דף קט"ז ע"א) מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות שבכל הלילות אין אנו מטבלין אפילו פעם אחת והלילה הזה שתי פעמים שבכל הלילות אנו אוכלין חמץ ומצה והלילה הזה כלו מצה שבכל הלילות אנו אוכלין בשר צלי שלוק ומבושל והלילה הזה כלו צלי. ומוזגין הכוס השני, אונזער נוסח טוישט מען די שאלה פון צלי און מען פרעגט פון מסובין. אבער דער רמב"ם אין משנה תורה (פרק ח ה"ב) האלט אז מען פרעגט פינף קשיות: וז"ל וכאן הבן שואל. ואומר הקורא, מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות: שבכל הלילות, אין אנו מטבילין אפילו פעם אחת; והלילה הזה, שתי פעמים. שבכל הלילות, אנו אוכלין חמץ ומצה; והלילה הזה, כולו מצה. שבכל הלילות, אנו אוכלין שאר ירקות; והלילה הזה, מרורים. שבכל הלילות, אנו אוכלין בשר צלי שלוק ומבושל; והלילה הזה, כולו צלי. שבכל הלילות, אנו אוכלין בין יושבין ובין מסובין; והלילה הזה, כולנו מסובין. יעצט חוץ וואס דער רמב"ם האט פינף קשיות, איז אויך די סדר הקשיות אויך אנדערשט. (המו"ל)

הַלַּיְלָה הַזֶּה שְׁתֵּי פְּעָמִים: מען טונקט, איין מאל כרפס אין זאלץ וואסער און איין מאל מרור אין חרוסת. אזוי פירט די וועלט, יעצט עס איז דא א מנהג ביי אנדערע צו איינטונקען די איי פון די קערה אין זאלץ וואסער פאר מען עסט די פיש, און עס זענען דא אנדערע וואס לייגן ארויף זאלץ אויפן איי און זיי טונקען דאס נישט אין זאלץ וואסער, און דער טעם איז ווייל מען זאגט הַלַּיְלָה הַזֶּה שְׁתֵּי פְּעָמִים, איין מאל כרפס אין זאלץ וואסער און איין מאל מרור אין חרוסת. אויב אזוי וואס האלטן אונז וואס טונקען יא איין? נאר עס איז אויך דא א מנהג אז מען טונקט איין די כורך אין חרוסת, דעריבער מוז מען זאגן אז

דעם איינטינקען נאך אזאך איז זאלץ וואסער און אין חרוסת, איז שוין אריינגערעכנט אין דעם מטבילין שתי פעמים, ממילא קען מען איינטינקען די כרפס און די איי אין זאלץ וואסער און עס איז איין זאך.

**פארוואס דארף מען דערציילן סיפור יציאת מצרים אין גלות?**

מַה נִּשְׁתַּנָּה הַלַּיְלָה הַזֶּה מִכָּל הַלֵּילוֹת: צו פארשטיין וואס איז די שאלת הבן מַה נִּשְׁתַּנָּה, און מיט וואס איז ער פארענטפערט מיט עֲבָדִים הָיִינוּ? נאר עס שטייט אז לַיְלָה איז מרומז אויף גלות, דעריבער פרעגט דער בן, ער וויל פארשטיין אויב מיר זענען יעצט אין גלות, אויב אזוי פארוואס דארף מען אין גלות נאך אלעס דערציילן סיפור יציאת מצרים, עס וואלט געפאסט דאס צו דערציילן ווען מיר וועלן ארויסגיין פון דעם לאנגן גלות? איז דער תירוץ: ווייל עֲבָדִים איז דער ר"ת דָּוִד בֶּן יִשַׁי עַבְדְּךָ מְשִׁיחֶךָ. דאס מיינט אז דורך די שיעבוד אין מצרים וואס איז געווען בחומ"ר ולבני"ם וואס איז בגימט' דויד בן ישי, וואס דורכן שיעבוד וועלן מיר זוכה זיין צו דוד בן ישי, משיח, און אויב די אידן וואלטן נישט ארויס פון מצרים וואלט נישט געקענט קומען משיח, דעריבער דורך אונזער סיפור יציאת מצרים וועט מען ברענגען משיח בב"א. (עטרת ישועה הרה"ק מדזיקוב) (החשבון הנכון לענ"ד, חומ"ר לבני"ם 386 איז בגימט' דוד בן ישי 386, כי לפי הספר בחומר ולבנים 394 גימט' דויד בן ישי 396 וצ"ע וברור הוא.) יעצט לפי די הייליגע רייד קען מען פארענטפערן וואס מען פרעגט אויפן מימרא פון ראב"ע וְלֹא זָכִיתִי שֶׁתֵּאָמֵר יְצִיאַת מִצְרַיִם בַּלֵּילוֹת עַד שֶׁדְּרָשָׁהּ בֶּן זוֹמָא: אויב אזוי איז געגוג צו ברענגען פון בן זומא וועגן וואס ברענגט מען פון די חכמים וַחֲכָמִים אוֹמְרִים: יְמֵי חַיֶּיךָ הָעוֹלָם הַזֶּה, כָּל יְמֵי חַיֶּיךָ לְהָבִיא לִימוֹת הַמָּשִׁיחַ, נאר עס איז דא דע באוואוסטע טייטש לְהָבִיא לִימוֹת הַמָּשִׁיחַ, אז א איד דארף שטענדיג ארבעטן צו ברענגען משיח, ממילא איז גוט אז די סיפור יציאות מצרים איז צו ברענגען משיח איז די ראי' גוט אויך פון די חכמים, אז מען דארף זאגן יציאת מצרים די נאכט פון פסח ווייל דורך דער סיפור וועט מען ברענגען משיח בקרוב. (שמח זבולון תשפ"ג)

# עֲבָדִים הָיִינוּ לְפַרְעֹה בְּמִצְרָיִם, וַיּוֹצִיאֵנוּ ה' אֱלֹקֵינוּ מִשָּׁם בְּיָד חֲזָקָה וּבִזְרוֹעַ נְטוּיָה. וְאִלּוּ לֹא הוֹצִיא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת אֲבוֹתֵינוּ מִמִּצְרָיִם, הֲרֵי אָנוּ וּבָנֵינוּ וּבְנֵי בָנֵינוּ מְשֻׁעְבָּדִים הָיִינוּ לְפַרְעֹה בְּמִצְרָיִם. וַאֲפִילוּ כֻּלָּנוּ חֲכָמִים, כֻּלָּנוּ נְבוֹנִים, כֻּלָּנוּ זְקֵנִים, כֻּלָּנוּ יוֹדְעִים אֶת הַתּוֹרָה, מִצְוָה עָלֵינוּ לְסַפֵּר בִּיצִיאַת מִצְרָיִם. וְכָל הַמַּרְבֶּה לְסַפֵּר בִּיצִיאַת מִצְרַיִם הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח.

**סמיכות צו די מעשה ברבי אלעזר און דער גרויסקייט פון סיפור יציאת מצרים.**

מִצְוָה עָלֵינוּ לְסַפֵּר בִּיצִיאַת מִצְרָיִם. וְכָל הַמַּרְבֶּה לְסַפֵּר בִּיצִיאַת מִצְרַיִם הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח. צו מסביר זיין דער ענין וואס דער בעל הגדה רעדט אזוי שטארק אז דאס איז א מצוה און משבח? נאר ווי מיר האבן געברענגט דער פסוק עַם זוּ יָצַרְתִּי לִי תְּהִלָּתִי יְסַפֵּרוּ: (ישעיהו מג כא) מען דארף לויבן דער אויבערשטער וואס האט אונז באשאפן, און עס שטייט אין חז"ל אז די אידן האבן געמוזט פריערט גיין אין מצרים און דער תכלית איז געווען כדי די אידן זאלן קענען באקומען די תורה, און אויב די וועלט האט נישט קיין תורה ווערט דאס חרוב אִם לֹא

בְּרִיתִי יוֹמָם וָלָיְלָה חֻקּוֹת שָׁמַיִם וָאָרֶץ לֹא שָׂמְתִּי: (ירמיהו לג כה) ממילא איז א חיוב און א שבח דערציילן וועגן יציאת מצרים וואס דאס האט אונז געגעבן די תורה, ווייל דאס האט אונז נאכאמאל באשאפן, ממילא איז גוט וואס מען ברענגט נאכדעם די מעשה פון די תנאים וואס זיי האבן פארשטאנען ווי זיס איז די תורה און שטארק גערעדט און געדאנקט פון די ענין פון יציאת מצרים כל הלילה, קען מען זאגן דאס איז דער ענין פון עד שבאו תלמידיהם וואס האבן שוין יעצט מרגיש געווען די זיסקייט פון תורה אזוי ווי זייערע רבי'ס, לפי"ז פארשטייט מען פארוואס עס שטייט אין גמ' (ברכות יג) אז מען וועט מזכיר זיין יציאת מצרים לימות המשיח, אזוי ווי די חכמים, וואס אפילו עס שטייט אז מען וועט פארגעסן פון אלעס ווייל די נייע נס וועט זיין גאר גרויס, אבער יציאת מצרים וואס דאס האט אונז געברענגט די תורה וואס איז נצחיות, וועט מען דאס אויך דערציילן לנצח נצחים. (שמח זבולון תשפ"ד)

**א שיינעם מָשָׁל אויף מְשֻׁעְבָּדִים הָיִינוּ לְפַרְעֹה** עֲבָדִים הָיִינוּ לְפַרְעֹה בְּמִצְרָיִם, וְאִלּוּ לֹא הוֹצִיא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת אֲבוֹתֵינוּ מִמִּצְרַיִם, הֲרֵי אָנוּ וּבָנֵינוּ וּבְנֵי בָנֵינוּ מְשֻׁעְבָּדִים הָיִינוּ לְפַרְעֹה בְּמִצְרָיִם: פרעגן אלע אז מען פאנגט אן מיט עֲבָדִים הָיִינוּ און מען ענדיגט מיט מְשֻׁעְבָּדִים הָיִינוּ? נאר מען דארף זאגן אז עס איז דא א חילוק פון עֲבָדִים און מְשֻׁעְבָּדִים, וואס מְשֻׁעְבָּדִים איז לכאורה א שטערקערע לשון פון עבדות, און דאס מיינט אז עֲבָדִים איז די עבדות איז נאר צו זיין א עבד אויפן גוף אבער מְשֻׁעְבָּדִים איז א עבד אויך אויף די נשמה, וְאִלּוּ לֹא הוֹצִיא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, און וועגן דעם האט דער אויבערשטער געמוזט אליין גיין אין מצרים און אונז אויסלייזן, איז דער גאון ר' **אברהם אביש פון פרנקפורט ד'מיין** (י"א תשרי תקכ"ט) דאס מסביר בדרך משל: א מלך האט געכאפט עטליכע שרים פון א אנדערן מדינה, און זיי געצוואונגען צו ארבעטן שווערע ארבעט פארן קעניג, און מען האט זיי געלייגט אין א צימער און זיי געהיטן מיט שומרים זיי זאלן נישט אנטלויפן, איינע פון די שרים איז געווען פלינק און ער איז אנטלאפן, און ווען די שומרים האבן זיך דערוואוסט אז איינער איז אנטלאפן און האבן דאס דערציילט פארן קעניג האט דער קעניג געהייסן מען זאל זיי צו בינדן מיט אייזערנע קייטן זיי זאלן אויך נישט אנטלויפן און מען וועט זיי הענגען אויב די אנדערער שר קומט נישט צוריק! די שרים זענען געווען אלע נאנטע ידידים, און ווען דער שר וואס איז אנטלאפן האט זיך דערוואוסט וואס מען האט געטאן מיט זיינע פריינד איז ער צוריק מיט מסירת נפש, אריינגעכאפט אין צימער און אראפגענומען די קייטן פון די שרים, און זיי האבן צוגעבונדן די שומרים מיט די קייטן און זענען אלע אנטלאפן, דאס איז געווען אויך ביי די אידן אין מצרים: וואס פרעה האט געוואוסט אז מיטן צווינגען צו ארבעטן אליין וועלן די אידן נישט בלייבן אייביג משועבד צו אים ווייל מען וועט זיי אמאל אויסלייזן, אבער אויב ער וועט זיי אריינלייגן אין די נ' שערי טומאה, וועלן זיי שטענדיג זיין משועבד מיט זייער נשמה צו אים, דעריבער האט דער אויבערשטער געזען די גרויס סכנה פאר זיינע קינדער, און געמוזט שנעל אריינגיין אין מצרים און אראפנעמען די קייטן פון טומאה און שנעל ארויסנעמען די אידן פאר זיי וועלן חלילה אריינגיין די נ' שערי טומאה. [און וועגן דעם האט נאר דער אויבערשטער געקענט דאס מאכן און נישט קיין מלאך. אני ולא מלאך, המו"ל] (הגדה ברכת אברהם)

**די ישועה קומט פון די פלאץ פון די גזירה**

עֲבָדִים הָיִינוּ לְפַרְעֹה בְּמִצְרָיִם, וַיּוֹצִיאֵנוּ ה' אֱלֹקֵינוּ מִשָּׁם בְּיָד חֲזָקָה: לכאורה איז שווער דער ווארט מִשָּׁם איז איבעריג, ווייל עס וואלט געקענט נאר שטיין וַיּוֹצִיאֵנוּ ה' אֱלֹקֵינוּ בְּיָד חֲזָקָה, ווייל מען פארשטייט אז מען רעדט פון מצרים, פעלט נישט אויס מִשָּׁם פון דארט? נאר מען קען מרמז זיין וואס מען זעהט ביי די דורות ווען עס איז געווען צרות פאר כלל ישראל איז געקומען די ישועה דוקא פון די הויז וואס האבן געמאכט די גזירות, משה רבינו איז געהאדעוועט געווארן אין בית פרעה, און ארויס געגומען די אידן פון מצרים, און אסתר איז געווען אין בית אחשוורוש, און דורך דעם איז געווען די ישועה, און פרעה האט געזאגט הבה נתחכמה צו די מושיען פון די אידן, און געהייסן ארייננווארפן אלע קינדער אין טייך, און דער אויבערשטער האט מסבב געווען אז דוקא בת פרעה האט גערעטעוועט משה, דאס מיינט "מִשָּׁם" דער אויבערשטער האט ארויסגענומען די אידן, זעהט מען אז די ישועות זענען געקומען פון דארטן וואו די גזירה האט זיך אנגעפאנגען, און דאס איז מרמז דער בעל הגדה אז אין אלע דורות אז עס וועט זיין אזוי. (הגדה תהלה לדוד מהגאון ר' דוד שפערבער)

**עבדים היו אבותינו**

עֲבָדִים הָיִינוּ לְפַרְעֹה בְּמִצְרָיִם: דארף מען פארשטיין וואס מיינט "הָיִינוּ" זענען מיר דען געווען קנעכט, אונזערע זיידעס זענען נאר געווען קנעכט, האט געדארפט שטיין עֲבָדִים הָיוּ אֲבוֹתֵינוּ? נאר אין עשרת הדברות שטייט: אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם מִבֵּית עֲבָדִים, און דעמאלטס זענען געווען אלע נשמות פון כלל ישראל, און צו אלע נשמות האט דער אויבערשטער געזאגט אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם, קומט אויס אז אלע נשמות פון כלל ישראל זענען געווען משועבד צו פרעה אין מצרים, אטייל זענען געווען משועבד מיטן גוף און אטייל מיטן נשמה, דעריבער שטייט עֲבָדִים הָיִינוּ, מיר זענען טאקע געווען קנעכט צו פרעה. (שפת אמת)

**לעולם חסדו**

וְאִלּוּ לֹא הוֹצִיא הַקָּבָּ"ה: איז משמע ווען דער אויבערשטער וואלט אונז נישט ארויסגענומען פון מצרים נאר א אנדערע, וואלטן מיר נאך געווען משועבד צו פרעה. איז דאך שווער, אויב א אנדערע וואלט אונז ארויסגענומען פון מצרים וואלטן מיר שוין געווען אוועק פון פרעה און נישט משועבד צו אים? נאר עס שטייט אין תהלים (קל"ו ד) לְעֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְּדֹלוֹת לְבַדּוֹ כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ. טייטש דער הייליגע זוהר: ווען עס איז לְעֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְּדֹלוֹת לְבַדּוֹ, אז דער אויבערשטער אליין טוט די חסד מיטן מענטש, איז דאס לְעוֹלָם חַסְדּוֹ, בלייבט דאס אויף אייביג, אבער ווען א מלאך אדער שליח טוען די חסד איז נישט מוכרח אז עס וועט זיין אויף אייביג, דא איז די זעלבע, ווען א מלאך אדער שליח וואלטן אונז ארויסגענומען פון מצרים, וואלט עס נאר געווען א צייטווייליגע ישועה, און נאך דעם וואלטן מיר צוריק געווארן משועבד צו פרעה, דעריבער האט דער אויבערשטער אליין אונז געמוזט ארויס נעמען ווייל דעמאלטס איז דאס א ישועה אויף אייביג, כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ. (שפת אמת)

**ענין פון דריי דורות**

הֲרֵי אָנוּ וּבָנֵינוּ וּבְנֵי בָנֵינוּ מְשֻׁעְבָּדִים הָיִינוּ לְפַרְעֹה בְּמִצְרָיִם: לכאורה איז שווער פארוואס שרייבט מען אז נאר דריי דורות וואלטן געווען



ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק פסח תשפ"ה pardesyehuda1@gmail.com "עולם הספרים"

משועבד צו פרעה, ווייל אויב דער אויבערשטער נעמט אונז נישט ארויס וואלטן מיר אויך געוועזן משועבד ביז היינט? נאר בפשטות קען מען זאגן אזוי ווי עס שטייט לֹא יָמוּשׁוּ מִפִּיךָ וּמִפִּי זַרְעֲךָ וּמִפִּי זֶרַע זַרְעֲךָ אָמַר ה' מֵעַתָּה וְעַד־עוֹלָם: (ישעיה נט כא) עס איז דא פִּיךָ, מִפִּי זַרְעֲךָ, מִפִּי זֶרַע זַרְעֲךָ, און דאס איז מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם, אויף אייביג, דאס זעלבע מיינט אויך די בעל הגדה, אָנוּ וּבָנֵינוּ וּבְנֵי בָנֵינוּ, דריי דורות איז דאס שוין אזוי ווי עד עולם. (שמח זבולון)

**פארוואס ברענגט מען די מעשה**

דער ענין פון מַעֲשֶׂה בְּרַבִּי אֱלִיעֶזֶר וְרַבִּי יְהוֹשֻׁעַ וכו' און וַאֲפִילוּ כֻּלָּנוּ חֲכָמִים? איז וועגן צוויי זאכן. איינס ווייל די אלע תנאים זענען געווען חכמים ונבונים און פונדעסטוועגן האבן זיי דערציילט דעם סיפור יציאת מצרים. וואס דאס איז די ראיה צו "כֻּלָּנוּ חֲכָמִים, כֻּלָּנוּ נְבוֹנִים וכו' מַעֲשֶׂה". און נאך א ראיה: וְהָיוּ מְסַפְּרִים בִּיצִיאַת מִצְרַיִם כָּל אוֹתוֹ הַלַּיְלָה, דאס איז א ראיה צו וְכָל הַמַּרְבֶּה לְסַפֵּר בִּיצִיאַת מִצְרַיִם הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח. עס שטייט בשם דער בריסקער רב אז די פינף צדיקים האבן זיך זייער שטארק פארטיפט אין די סיפור יציאת מצרים וועגן דעם האבן זיי נישט געשפירט אז עס איז שוין טאג געווארן. אזוי ווי מען דערציילט פון אידן אין ירושלים אז מען האט זיי געדארפט אפזוכן און אוועק נעמען פון די גמ' גיין צו זייער חתונה, זיי זענען געוועזן פארטיפט אין תורה! (המו"ל)

**דרוש**

**פארוואס וואלט איך געמיינט אז חכמים זענען פטור פון סיפור יצי"מ**

וַאֲפִילוּ כֻּלָּנוּ חֲכָמִים, כֻּלָּנוּ נְבוֹנִים, כֻּלָּנוּ זְקֵנִים, כֻּלָּנוּ יוֹדְעִים אֶת הַתּוֹרָה, מִצְוָה עָלֵינוּ לְסַפֵּר בִּיצִיאַת מִצְרָיִם. וְכָל הַמַּרְבֶּה לְסַפֵּר בִּיצִיאַת מִצְרַיִם הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח. לכאורה דארף מען פארשטיין אז סיפור יציאת מצרים איז מדאורייתא איז דאך פשוט אז חֲכָמִים וּנְבוֹנִים זענען מחוייב בסיפור יְצִיאַת מִצְרַיִם? נאך איז שווער וואס איז די שיעור פון וְכָל הַמַּרְבֶּה לְסַפֵּר? נאר עס שטייט אין גמ' (ברכות דף יב ע"ב) בֶּן זוֹמָא האט געפרעגט די חֲכָמִים וואס זאגן כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ לְהָבִיא לִימוֹת הַמָּשִׁיחַ, אז עס שטייט (ירמיה טז יד) הִנֵּה יָמִים בָּאִים נְאֻם ה' וְלֹא יֵאָמְרוּ עוֹד חַי ה' אֲשֶׁר הֶעֱלָה אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם כִּי אִם חַי ה' אֲשֶׁר הֶעֱלָה וַאֲשֶׁר הֵבִיא אֶת זֶרַע בֵּית יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ צָפוֹנָה וגו', זעהט מען אז מען וועט שוין נישט מזכיר זיין יציאת מצרים בימות המשיח? ענטפערט די גמ' אז מען וועט נאך מזכיר זיין יצי"מ, נאר שִׁעְבּוּד מַלְכֻיּוֹת וועט זיין דער עִיקָּר און יְצִיאַת מִצְרַיִם טָפֵל. דאס צו פארשטיין, למשל א מענטש וועט געבן צו עסן א עני ואביון ווען ער איז שטארק הונגעריג, וועט אים דער ארעמאן שטארק דאנקען, און אויב שפעטער וועט ער אים געבן געלט און שטעלן אויף די פיס און אים מאכן א עושר, וועט דער מענטש האבן מורא'דיגע הכרת הטוב און אים שטארק דאנקען, און פארגעסן די ערשטער טובה, אבער א בעל רגש און א גוטע הארץ, וועט אים נאך אויך דאנקען פאר אים געבן צו עסן, אפילו עס איז א קליין טובה אנקעגן די עשירות, דאס זעלבע וועט זיין ווען משיח וועט קומען, און די גאולה וועט זיין א גרעסערע טובה פון יציאת מצרים, אבער דער נביא זאגט אונז (ישעיה יא ט) כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת ה'. און וְנִבְּאוּ בְּנֵיכֶם וּבְנוֹתֵיכֶם זִקְנֵיכֶם (יואל ג א), דאס מיינט דער בעל הגדה: אֲפִילוּ כֻּלָּנוּ חֲכָמִים, כֻּלָּנוּ נְבוֹנִים, כֻּלָּנוּ זְקֵנִים, דאס מיינט לימות המשיח וואס אלע וועלן זיין חֲכָמִים, נְבוֹנִים, וּזְקֵנִים מיט דעת און נבואה,

וועט מען נאך אלעס פארשטיין און מכיר טובה זיין אויך פון יצי"מ אפילו עס איז קלענער פון די גאולה העתידה, און דאס מיינט וְכָל הַמַּרְבֶּה לְסַפֵּר בִּיצִיאַת מִצְרַיִם מיינט ער וועט פארמערן די צייט צו מזכיר זיין יצי"מ אפילו לימות המשיח, איז א סימן אז הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח, ער איז א אויסגעארבעטער מענטש און איז מכיר טוב אפילו פאר א קליינע זאך. (בן גרני הגאון ר' יוסף ישראל דייטש בן הגורן לדוד) מיט דעם איז פארענטפערט וואס איז מיר געווען שווער ווי איז דאס מעגלאך אז "כֻּלָּנוּ" חֲכָמִים, "כֻּלָּנוּ" נְבוֹנִים, אלע מענטשן זאלן זיין חֲכָמִים וּנְבוֹנִים, עס וואלט געפאסט צוזאגן אז אפילו חֲכָמִים וּנְבוֹנִים מצוה לְסַפֵּר בִּיצִיאַת מִצְרַיִם? –נאר כֻּלָּנוּ חֲכָמִים, מיינט לימות המשיח, מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת ה', אלע וועלן זיין חֲכָמִים וּנְבוֹנִים וכו' .
(שמחה זבולון תשפ"ג)

**סיפור יציאת מצרים איז געלערנט תורה**

וַאֲפִילוּ כֻּלָּנוּ חֲכָמִים, וכו' מִצְוָה עָלֵינוּ לְסַפֵּר בִּיצִיאַת מִצְרַיִם. וְכָל הַמַּרְבֶּה לְסַפֵּר בִּיצִיאַת מִצְרַיִם הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח. פארוואס שטייט אויסגערעכנט אלע די: חֲכָמִים, נְבוֹנִים, זְקֵנִים, יוֹדְעִים אֶת הַתּוֹרָה, אויך פארוואס כָּל הַמַּרְבֶּה לְסַפֵּר בִּיצִיאַת מִצְרַיִם "הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח"? נאר איך האב געזען אז די ס"ת מִצְוָה עָלֵינוּ לְסַפֵּר בִּיצִיאַת איז תורה, קען מען זאגן אז א מענטש זאל נישט טראכטן אז וואס איז דער ענין פון דערציילן סיפורים ווען אין דער צייט קען ער לערנען א בלאט גמ', זאגט דער בעל הגדה, אז דער דערציילן איז אויך תורה, ווייל אפילו חֲכָמִים, נְבוֹנִים, זְקֵנִים, וכו' וועלן אלעמאל זעהן חידושים און עמקות אין די סיפור הנס, וועגן דעם איז כָּל הַמַּרְבֶּה לְסַפֵּר בִּיצִיאַת מִצְרַיִם "הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח", ווייל חוץ וואס מען האט די מצוה פון סיפור יציאת מצרים וואס דאס איז א מצוה, איז מען אויך מקיים די מצוה פון לימוד התורה, דעריבער איז דאס משובח ווייל מען איז מקיים צוויי מצוות אויף איינמאל, לימוד התורה און סיפור יציאת מצרים, לויט דעם קען מען אויך זאגן אז די ס"ת מִצְוָה עָלֵינוּ לְסַפֵּר בִּיצִיאַת מִצְרַיִם איז תרומה, וואס האט די טייטש פון זיך אויף הויבן, אז דעם דערציילן וועט דערהויבן א מענטש גאר הויך כידוע, אויך תרומה מיינט אפשיידן, אז מען דארף אפשיידן פון דיין צייט פון שלאפן און לערנען און עוסק זיין בסיפור יציאת מצרים, און דעריבער האבן די תנאים אין קומענדיגן מאמר עוסק געווען א גאנצע נאכט און נישט געשלאפן, און האבן זיך אפגעשייד פון שלאף.
(שמחה זבולון תשפ"ב)

**יציאת מצרים און נישט הוצאות מצרים!**

מִצְוָה עָלֵינוּ לְסַפֵּר בִּיצִיאַת מִצְרָיִם. וְכָל הַמַּרְבֶּה לְסַפֵּר בִּיצִיאַת מִצְרַיִם הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח: (הגדה של פסח) אזוי שטייט אויך אין די משנה (ברכות דף יב:) מזכירין **יציאת מצרים** בלילות. שטעלט זיך די קשיא פארוואס שטייט נישט "**לספר בהוצאת מצרים**" אז דער אויבערשטער האט אונז ארויסגענומען פון מצרים! און אין אנפאנג מס' שבת ווען עס שטייט **יציאות השבת** פרעגט תוס' פארוואס שטייט נישט **הוצאות השבת** און ענטפערט ווייל עס שטייט אין פסוק (שמות טז כט) אַל יֵצֵא אִישׁ מִמְּקֹמוֹ בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי, אבער דא זאל שטיין **הוצאת** מצרים, ווייל די לשון התורה שטייט (שמות ז ד) וְהוֹצֵאתִי אֶת צִבְאֹתַי אֶת עַמִּי און כִּי בְּחֹזֶק יָד הוֹצִיא ה' אֶתְכֶם מִזֶּה (שמות יג ג) און כִּי בְּיָד חֲזָקָה הוֹצִאֲךָ ה' מִמִּצְרָיִם (שם ט) דאס איז געווען בעל כרחם פון די מצריים? נאר באמת איז דאס געווען א שבח אז כלל ישראל האבן געוואלט בכלל ארויסגיין פון מצרים, אזוי ווי מען זעהט כְּגַן ה'


ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק פסח תשפ"ה pardesyehuda1@gmail.com "עולם הספרים"

בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם, (בראשית יג י) אז מצרים איז געווען א גוטע פלאץ מיט שיינע גארטנ'ס, און די אידן האבן געזאגט זָכַרְתִּי לָךְ חֶסֶד נְעוּרַיִךְ אַהֲבַת כְּלוּלֹתָיִךְ (ירמיה ב ב) דאס גייט אויף מצרים, ממילא איז גוט פארוואס שטייט יציאת מצרים, ווייל די שבח איז אז די אידן זענען ארויס פון מצרים, און דאס איז א שבח פארן אויבערשטן אז מען איז משבח זיינע קינדער. דעריבער שטייט הֲרֵי "זֶה" מְשֻׁבָּח, וואס דאס גייט אויפן אויבערשטן, די נחת איז זיינס. (היין צדק הגה"ק ר' מנחם מנדל שווארץ תלמיד הייטב לב מסיגעט)

**רמב"ם - כל המאריך לספר**

דער נוסח הגדה פון רמב"ם איז: שכל המאריך לספר ביציאת מצרים הרי זה משובח, און נישט המרבה לספר! וואס לכאורה אונזערע נוסח המרבה לספר איז געברענגט אין אלע ראשונים? נאר דער הייליגער שפת אמת פרעגט א מורא'דיגע קשיא אז עס שטייט אין גמ' (ברכות ל"ג ע"ב) ההוא דנחית קמיה דר' חנינא ואמר הקל הגדול הגבור והנורא והאדיר והעזוז והיראוי החזק והאמיץ והודאי והנכבד המתין לו עד דסיים כי סיים א"ל סיימתינהו לכולהו שבחי דמרך זעהט מען אז מען טאר נישט מאריך זיין אין שבח פון אויבערשטן, אויב אזוי פארוואס איז מותר הַמַּרְבֶּה לְסַפֵּר? נאר מען קען ענטפערן אז דער חידושי הרשב"א אויף די גמ' דארטן שרייבט בשם רב האי גאון אז דוקא ביי תפילה טאר מען נישט מאריך זיין מער ווי די חכמים האבן מתקן געווען, אבער נישט ביי תפילה מעג מען משבח זיין דעם אויבערשטן, און אזוי האלט דער רא"ש בשם דער ר"י, און אזוי איז משמע אין טור (סימן ק"ג), דעריבער ביי סיפור יציאת מצרים מעג מען מרבה זיין אין שבח פון אויבערשטן, דעריבער איז גוט אונזערע נוסח הַמַּרְבֶּה לְסַפֵּר, אבער דער רמב"ם אין זיין ספר מורא נבוכים האלט אז מען טאר קיינמאל נישט מרבה זיין בשבח ה', דעריבער האט דער רמב"ם דער נוסח וכל המאריך, איז דאס א מחלוקת לויט זייערע שיטות. (הגדה שערי זבול)

**געבן הכרת הטוב האט נישט קיין שיעור**

עֲבָדִים הָיִינוּ לְפַרְעֹה בְּמִצְרָיִם, וַיּוֹצִיאֵנוּ ה' אֱלֹקֵינוּ מִשָּׁם בְּיָד חֲזָקָה וּבִזְרֹעַ נְטוּיָה. וְאִלּוּ לֹא הוֹצִיא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת אֲבוֹתֵינוּ מִמִּצְרָיִם, הֲרֵי אָנוּ וּבָנֵינוּ וּבְנֵי בָנֵינוּ מְשֻׁעְבָּדִים הָיִינוּ לְפַרְעֹה בְּמִצְרָיִם. איז שווער פארוואס זאגן מיר דעם וְאִלּוּ לֹא הוֹצִיא הקב"ה, אין אנפאנג הגדה ווען דאס וואלט געפאסט זאגן נאך וואס מען האט געענדיגט די סיפור יציאת מצרים, און דעמאלט זאגן ווען דער אויבערשטער וואלט אונז נישט ארויסגענומען פון מצרים וואלטן מיר נישט געקענט דערציילן די גאנצע סיפור? נאר עס שטייט אין גמ' (ברכות דף לג ע"ב מגילה דף כ"ה) אז מען מעג נישט מרבה זיין אין שבח פון אויבערשטן, ווייל עס איז נישט מעגלאך צו ענדיגן, און אויב די סיפור יציאת מצרים איז א שבח פארן אויבערשטן ווי אזוי איז דער ענין פון וְכָל הַמַּרְבֶּה לְסַפֵּר בִּיצִיאַת מִצְרַיִם הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח? נאר ע"כ איז דער סיפור א ענין פון הכרת הטוב און דאס מעג מען מרבה זיין, דעריבער פאנגט מען אן עֲבָדִים הָיִינוּ אז מיר זענען מכיר טוב פארן אויבערשטן, פאר אונז ארויסנעמען פון מצרים, און מיר ווילן נישט זיין א כפוי טובה, נאר אדרבה מכיר טובה זיין, וועגן דעם מעג מען מרבה זיין מיט הכרת הטוב, דעריבער זאגט מען דאס גלייך אנפאנג סיפור. (הגדה ר' אלי' ברוך ממיר)

# מַעֲשֶׂה בְּרַבִּי אֱלִיעֶזֶר וְרַבִּי יְהוֹשֻׁעַ וְרַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה וְרַבִּי עֲקִיבָא וְרַבִּי טַרְפוֹן שֶׁהָיוּ מְסֻבִּין בִּבְנֵי בְרַק, וְהָיוּ מְסַפְּרִים בִּיצִיאַת מִצְרַיִם כָּל אוֹתוֹ הַלַּיְלָה עַד שֶׁבָּאוּ תַלְמִידֵיהֶם וְאָמְרוּ לָהֶם: רַבּוֹתֵינוּ, הִגִּיעַ זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל שַׁחֲרִית.

פארוואס ברענגט מען דא די מעשה? זעהט פריערדיגע שטיקל אויף מצוה לספר.

מַעֲשֶׂה בְּרַבִּי אֱלִיעֶזֶר וְרַבִּי יְהוֹשֻׁעַ: וְהָיוּ מְסַפְּרִים בִּיצִיאַת מִצְרַיִם כָּל אוֹתוֹ הַלַּיְלָה: צו פארשטיין פארוואס האבן די תנאים דערציילט די סיפור פון יציאת מצרים א גאנצע נאכט ווי עס שטייט כָּל אוֹתוֹ הַלַּיְלָה, אויך איז שווער אויב עס איז א חיוב פאר אלע דאס צו טאן, איז וואס איז דער חידוש אז די גדולי תנאים האבן געטאן א זאך וואס יעדע פשוטע איד איז דאס מחוייב?, המו"ל– נאר עס איז באוואוסט אז דער גלות מצרים האט געדארפט זיין 400 יאר אזוי ווי עס שטייט ועבדום ועינו אותם ארבע מאות שנה, נאר ווייל די שיעבוד איז געווען נאר אויף די טאג און נישט אויף די נאכט און די אידן האבן געארבעט בייטאג און ביינאכט, ממילא האבן די נעכט פון ארבעט משלים געווען צום מנין פון ד' מאות שנה און די אידן האבן געקענט ארויסגיין ביי 210 יאר, ממילא איז זייער גוט אז דער חיוב איז נאר צו דערציילן בְּשָׁעָה שֶׁיֵּשׁ מַצָּה וּמָרוֹר מֻנָּחִים לְפָנֶיךָ. אבער די תנאים האבן געוואלט א זכר צו די ארבעט פון ביינאכט וואס דאס האט ארויסגעבערענגט די אידן פריערט, דעריבער האבן זיי דערציילט די נסים פון כל אותו הלילה. (הגדה אגדת מרדכי –ב"ר יוזפא– הענא אב"ד האמבורג – אמ"ד תקכ"ד)

עַד שֶׁבָּאוּ תַלְמִידֵיהֶם וְאָמְרוּ לָהֶם: רַבּוֹתֵינוּ, הִגִּיעַ זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל שַׁחֲרִית: דארף מען פארשטיין וואו זענען געווען די תלמידים ביז יעצט אז זיי זענען געקומען צו זייער רבי"ס? דער הייליגער בית אהרן ענטפערט אז זיי האבן יעצט געקומען צו די דרגא פון זייער רבי"ס אין השגה. על פי פשט קען מען זאגן אז די הלכה איז (שו"ע סי' תע"ב) תלמיד בפני רבו אין צריך הסיבה, ממילא האבן די תלמידים געוואלט מקיים זיין די מצוה פון הסיבה, דעריבער האבן זיי געפירט אליין א סדר און נאכדעם געקומען צו זייער רבי"ס. מען קען אויך זאגן עפ"י דער בית אהרן הנ"ל אז עס שטייט כֻּלָּנוּ חֲכָמִים, כֻּלָּנוּ נְבוֹנִים וכו' און דער חידוש איז אז אפילו די וואס ווייסן שוין אלעס זענען זיי מחוייב צו דערציילן סיפור יציאת מצרים, און זייער ידיעה איז דאך אסאך מער פון זייערע תלמידים, קומט אויס אז יעדער דארף דערציילן לויט זיין דרגה אין תורה, דעריבער האבן די תלמידים געפראוועט זייער סדר און דערציילט דעם סיפור לפי זייער ידיעה אין תורה און נאכדעם געקומען צו זייער רבי"ס און געזאגט הגיע זמן קריאת שמע. (שמח זבולון)

מַעֲשֶׂה בְּרַבִּי אֱלִיעֶזֶר וְרַבִּי יְהוֹשֻׁעַ וְרַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה וְרַבִּי עֲקִיבָא וְרַבִּי טַרְפוֹן: עס איז דא צוויי דיוקים אין די סדר פון די תנאים. איינס איז רבי עקיבא איז געווען גדול הדור איז פארוואס שטייט רבי אלעזר בן עזריה פאר רבי עקיבא? אויף דעם ענטפערט תוס' (כתובות קה:) אז ראב"ע האט געהאט צוויי מעלות זיין יחוס וואס איז געווען צען דורות פון עזרא און אויך איז ער געווען נשיא. א צווייטער דיוק ווייל רבי טרפון איז געווען דער רבי פון רבי עקיבא איז פארוואס שטייט רבי עקיבא פריערט? אנדערע ווילן זאגן אז מען טרעפט א פאר מאל אין ש"ס א תלמיד שטייט פאר זיין רבין.

**אפשר האט די סעודה זיך געצויגן ביז עלות השחר?**

וְהָיוּ מְסַפְּרִים בִּיצִיאַת מִצְרַיִם כָּל אוֹתוֹ הַלַּיְלָה: שטייט אז די תנאים האבן דערציילט סיפור יציאת מצרים כל אותו הלילה, און דער בעל הגדה ברענגט לכאורה א ראי' פון דא אז וְכָל הַמַּרְבֶּה לְסַפֵּר בִּיצִיאַת מִצְרַיִם הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח, איז שווער וואס איז די ראי', אפשר האבן זיי געגעסן די סעודה א לאנגע צייט און עס האט געצויגן ביז עלות השחר? נאר דארטן איז דאך געזעצן מיט זיי ר' אלעזר בן עזריה און ער האלט אז מען טאר נישט עסן די אפיקומן וואס איז זכר לפסח נאך חצות, ממילא וועגן כבודו וואלטן די אנדערע תנאים נישט געגעסן נאך חצות, איז על כרחך האבן זיי דערציילט סיפור יציאת מצרים די גאנצע נאכט און דעמאלט'ס זענען די תלמידים געקומען, איז טאקע גוט די ראי' פון דא. (חתם סופר)

**אנדערע נוסח אין מעשה דרבי אליעזר**

מַעֲשֶׂה בְּרַבִּי אֱלִיעֶזֶר וְרַבִּי יְהוֹשֻׁעַ וְרַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה וְרַבִּי עֲקִיבָא וְרַבִּי טַרְפוֹן שֶׁהָיוּ מְסֻבִּין בִּבְנֵי בְרַק וְהָיוּ מְסַפְּרִים בִּיצִיאַת מִצְרַיִם כָּל אוֹתוֹ הַלַּיְלָה: די מעשה ווערט ערשט דערמאנט אין תוס' (כתובות דף ק"ה ע"א) ד"ה דחשיב, וואס תוס' איז מחדש אז עס ווערט נישט גערעכנט ווער עס איז חשוב פריערט, ווייל רַבִּי עֲקִיבָא איז געווען מער חשוב ווי רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה, און ער ברענגט כמה ראיות אויף דעם. אויך תוס' (ע"ז דף מ"ה ע"א) ד"ה אמר רַבִּי עֲקִיבָא, שטייט אז אפי' רַבִּי עֲקִיבָא איז געווען מער חשוב שטייט רבי יוסי הגלילי פאר אים, און דארטן שטעלט ער אויך צו די מַעֲשֶׂה בְּרַבִּי אֱלִיעֶזֶר, און ער זאגט אז דאס שטייט אין אגדת פסח. קומט אויס אז דער נוסח איז גאר אלט. עס איז דא נאך א נוסח: מעשה בְּרַבָּן גַּמְלִיאֵל וְרַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה וְרַבִּי יְהוֹשֻׁעַ וְרַבִּי עֲקִיבָא שהיו מסובין בבני ברק והן משיחין והולכין ביציאת מצרים עד שעלה עמוד השחר כיון שעלה עמוד השחר נכנסו תלמידיהם אצליהם ואמרו להם רבותינו הגיע זמן קרית שמע אמר להם ר' אלעזר בן עזריה הרי אני כבן שבעים שנה ולא זכיתי שתאמר יציאת מצרים בלילות עד שדרשה בן זומא שנאמר למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים ימי חייך ימים כל ימי חייך לילות וכו' וואס אנשטאט רַבִּי אֱלִיעֶזֶר שטייט רַבָּן גַּמְלִיאֵל, וואס מיט דעם איז פארענטפערט די וועלט'ס קשיא אז רַבִּי אֱלִיעֶזֶר איז דאך געוועזן אין לוד, און אויך האט ער געזאגט (סוכה דף כ"ז ע"ב) ער איז משבח די עצלנים וואס בלייבן אינדערהיים אין יו"ט. און אויך דארט שטייט נישט רַבִּי טַרְפוֹן,

אבער נאך א אינטרעסאנטער מהלך איז דא, אז דער מאמר אמר רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה איז געווען טאקע דארטן יענע נאכט, אז רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה האט זיי געענטפערט אויף זייער שאלה, ממילא איז גוט די שייכות פון די צוויי מאמרים. (שמח זבולון תשפ"ב)

**וויסן אז אלע צדיקים זענען דיינע רבי'ס**

מַעֲשֶׂה בְּרַבִּי אֱלִיעֶזֶר וְרַבִּי יְהוֹשֻׁעַ וְרַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה וְרַבִּי עֲקִיבָא וְרַבִּי טַרְפוֹן שֶׁהָיוּ מְסֻבִּין בִּבְנֵי בְרַק, וְהָיוּ מְסַפְּרִים בִּיצִיאַת מִצְרַיִם כָּל אוֹתוֹ הַלַּיְלָה עַד שֶׁבָּאוּ תַלְמִידֵיהֶם וְאָמְרוּ לָהֶם: רַבּוֹתֵינוּ, הִגִּיעַ זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל שַׁחֲרִית. פרעגן אלע דער לשון עַד שֶׁבָּאוּ: וואו זענען זיי געווען אז זיי זענען יעצט געקומען? נאך איז שווער פארוואס האבן זיי געזאגט "רַבּוֹתֵינוּ" עס וואלט געקענט נאר שטיין עַד שֶׁבָּאוּ תַלְמִידֵיהֶם וְאָמְרוּ לָהֶם: הִגִּיעַ זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל שַׁחֲרִית? נאר עס שטייט פון הייליגן ר'

מנחם מענדיל מרימינוב זיע"א אז די צדיקים האבן געהאט זייערע ישיבות אין אנדערע פלעצער, ווייט פון דעם אנדערן און זיי זענען צוזאמען געקומען מיט זייערע תלמידים צו דערציילן סיפור יציאת מצרים ברוב עם ע"כ. אבער בעוונותינו הרבים מאכט דער יצה"ר פירוד לבבות רח"ל און ווען עס קומען צוזאמען צדיקים און זייערע תלמידים, קומט דער יצה"ר און פאדרייט יעדן כת אז נאר זיין רבי איז א צדיק און זוכט חסרונות אויף די אנדערע צדיקים, און אזוי ביי יעדן כת, קומט דער בעל הגדה און דערציילט די מעשה פון די צדיקים און זייערע תלמידים, אז בשעת די תלמידים זענען אנגעקומען צו די מסיבה האבן זיי אלע געזאגט אויף די צדיקים "רַבּוֹתֵינוּ", איר זענט אונזערע רבי'ס, אז איר אלע זענען גרויס און זענען צדיקים אן פירוד לבבות, מיט א אמת'ע אחדות, און דאס האבן זיי געזאגט הִגִּיעַ זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע וואס איז "אחד", מיר זענען אלע באחדות, כאיש אחד בלב אחד. (אמרי נועם מועדים ח"ג להרה"ק מדזיקוב) מיט דעם קען מען ענטפערן די באוואוסטער קשיא אויב ראב"ע האלט אז מען מעג עסן קרבן פסח נאר ביז חצות, ממילא איז די מצוה פון סיפור יציאת מצרים אויך נאר ביז חצות? נאר אדרבה דא האט ראב"ע אויסגעלערנט אז מען דארף אויך מסכים זיין אז יענעמ'ס שיטה קען אויך זיין גערעכט, דער איבערשטער זאל אונז אויך געבן שכל צו וויסן אז אלע צדיקים זענען הייליג און אלע זענען "רַבּוֹתֵינוּ", (שמח זבולון תשפ"ג)

**וואס איז געווען מיט קריאת של ערבית?**

עַד שֶׁבָּאוּ תַלְמִידֵיהֶם וְאָמְרוּ לָהֶם: רַבּוֹתֵינוּ, הִגִּיעַ זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל שַׁחֲרִית. שטעלט זיך די שאלה: פארוואס האבן די תלמידים נישט געפרעגט צו זיי האבן געדארפט ליינען קריאת שמע של ערבית? און אויב וועט מען זאגן אז אויף קריאת שמע של ערבית זענען זיי געווען פטור ווייל עוסק במצוה פון סיפור יציאת מצרים זענען זיי פטור מן המצוה פון קריאת שמע של ערבית, אויב אזוי וואלטן זיי געווען פטור פון ק"ש של שחרית פון דעם טעם אויך! צווייטנ'ס וואס איז די סמיכות פון מעשה ברבי אליעזר מיט אמר רבי אלעזר בן עזריה הרי אני כבן שבעים שנה? נאר די גמרא זאגט אז ק"ש של שחרית האט אין זיך צוויי זאכן. קבלת עול מלכות שמים און הזכרת יציאת מצרים, ביי די פרשה פון ויאמר, ממילא איז אפשר לקיים שניהם סיי יציאת מצרים און סיי קבלת עול מלכות שמים דעריבער זענען זיי געווען מחוייב אין ק"ש של שחרית. אבער ק"ש של ערבית וואס איז נאר דא קבלת עול מלכות שמים ווייל מען האט נאך דעמאלטס נישט געזאגט פרשת יציאת מצרים ביי ק"ש של ערבית, זענען די רבותינו געווען עוסק במצות סיפור יציאת מצרים, זענען זיי פטור פון ק"ש של ערבית. דעריבער איז גוט די סמיכות פון **אמר רבי אלעזר בן עזריה**, ווייל ביז דעמאלטס האט מען נישט געזאגט יציאת מצרים בלילות, עד שדרשה בן זומא, דעריבער האבן די תלמידים נאר געפרעגט, הגיע זמן ק"ש של שחרית. (הגדה מחנה לוי ר' נחמיה רוזנפלד)

**וואו זענען געווען די תלמידיםביים סדר?**

עַד שֶׁבָּאוּ תַלְמִידֵיהֶם: פרעגן אלע פארוואס זענען די תלמידים נישט געווען מיט זייער רבי'ס אינעווייניג ביים סדר? נאר דעמאלטס האט אדריאנוס קיסר געמאכט א גזירה אז מען טאר נישט לערנען תורה ברבים, ממילא האבן די תנאים געמוזט פירן א סדר אין א טונקעלע מערה, האבן די תלמידים געמוזט זיין שומרים פון די רומיים, וועגן דעם האבן זיי מודיע זיין אז

עס איז שוין ליכטיג אינדרויסן צו לייענען ק"ש של שחרית. (הגדה כרם הצבי פארבער)

**דער ענין פון דעם סיפור אין בני ברק**

שֶׁהָיוּ מְסֻבִּין בִּבְנֵי בְרַק: וואס איז דער ענין פון דעם סיפור צו זיין אין בְּנֵי בְּרַק נאר די גמ' (סנהדרין פ' חלק דף צו) שטייט אז בני בניו של הָמָן, זיינע אייניקלאך, למדו תורה בִּבְנֵי בְּרַק, אויב אזוי וואס איז די שייכות פון המן צו די ענין פון סיפור יציאת מצרים? נאר עס שטייט אין די מגילה, אסתר האט געזאגט צו אחשורוש וְאִלּוּ לַעֲבָדִים וְלִשְׁפָחוֹת נִמְכַּרְנוּ הֶחֱרַשְׁתִּי: (ז ד) אויב די גזירה פון הָמָן וואלט געווען אז די אידן זאלן זיין קנעכט וואלט איך געשוויגן, שטעלט זיך די קשיא און פאר אזא גזירה פון ווערן קנעכט צו המן וואלט אסתר געשוויגן און צוגעלאזט! איז וואס מיינט הֶחֱרַשְׁתִּי? נאר אסתר האט געוואוסט אז נאך יציאת מצרים איז בטל געווארן די גזירה פון צו זיין עבדים ביי כלל ישראל, און זיי וועלן מער נישט זיין א עבד צו די גוים, ממילא האט אסתר געזאגט אויף די גזירה פון עבדים, החרשתי, ווייל דאס וועט סיי ווי ווערן בטל אבער המן האט דאך געשריבן להשמיד ולהרוג ולאבדם און אויף אזא גזירה וועט מען מוזן שווער ארבטען צו מבטל מאכן! דעריבער זאגט די הגדה די מעשה איז געווען אין בני ברק כדי מרמז זיין אויף וואס המן האט גוזר געווען און וואס אסתר האט געזאגט וְאִלּוּ לַעֲבָדִים וְלִשְׁפָחוֹת, און עבדות איז בטל געווארן ביי יציאת מצרים, ממילא דאס איז אויך געווען פון די נסים און דאס איז דער קשר פון בני ברק צו סיפור יציאת מצרים. (הגדה אגדת מרדכי -ב"ר יוזפא- הענא אב"ד האמבורג – אמ"ד תקכ"ד)

## אָמַר אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה: הֲרֵי אֲנִי כְּבֶן שִׁבְעִים שָׁנָה, וְלֹא זָכִיתִי שֶׁתֵּאָמֵר יְצִיאַת מִצְרַיִם בַּלֵּילוֹת עַד שֶׁדְּרָשָׁהּ בֶּן זוֹמָא: שֶׁנֶּאֱמַר, לְמַעַן תִּזְכֹּר אֶת יוֹם צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ יְמֵי חַיֶּיךָ הַיָּמִים, כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ הַלֵּילוֹת. וַחֲכָמִים אוֹמְרִים: יְמֵי חַיֶּיךָ הָעוֹלָם הַזֶּה, כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ לְהָבִיא לִימוֹת הַמָּשִׁיחַ

**וואס מיינט ולא זכיתי, און פארוואס נישט?**

אָמַר רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה: הֲרֵי אֲנִי כְּבֶן שִׁבְעִים שָׁנָה וְלֹא זָכִיתִי שֶׁתֵּאָמֵר יְצִיאַת מִצְרַיִם בַּלֵּילוֹת עַד שֶׁדְּרָשָׁהּ בֶּן זוֹמָא, שטייט אין רע"ב לֹא זָכִיתִי מיינט ער האט נישט מנצח געווען די חכמים ביז בן זומא איז געקומען און געדארשענט, איז שווער וואס איז שייך נצחון? און אויך פארוואס איז בֶּן זוֹמָא געווען אנדערש פון ראב"ע? נאר עס שטייט אין גמ' (שבת דף נ"ד ע"ב) אז די פרה פון ראב"ע איז ארויס מיט א בענדל אויף אירע הערנער לרשות הרבים און די חכמים האבן נישט געהאלטן פון דעם און די גמ' זאגט די פרה איז געווען פון א שכן נאר ווייל ראב"ע האט נישט מוחה געווען האבן די חכמים דאס גערעכנט ווי זיין פרה, און אין ירושלמי (שבת דף לג) שטייט ראב"ע האט זיך געקריגט מיט די חכמים, און ביי די מעשה פון **תנור עכנאי** (בבא מציעא נט:) האט מען געלייגט ראב"ע אין נידוי און צום סוף האט ראב"ע חרטה געהאט און האט געפאסט אסאך תעניתים און זיינע ציין זענען געווארן שווארץ פון פאסטן, און געווען שוואך, דעריבער האט ער געזאגט הֲרֵי אֲנִי "כְּבֶן" שִׁבְעִים שָׁנָה און נישט "בֶּן", אבער ווייל ראב"ע האט זיך מער נישט געוואלט קריגן מיט די חכמים ביים דין מזכירין

יצ״מ בלילות, ווייל ער האט תשובה געטאן, האט ער געזאגט וְלֹא זָכִיתִי, איך האב נישט געוואלט מנצח זיין די חכמים ביי דעם דין, אבער ווען בן זומא וואס איז געווען א תלמיד און ער האט געמעגט קריגן אויף די חכמים, דעריבער האט ראב״ע דעמאלטס שוין געהאלטן און געפאסקענט אז מזכירין יציאת מצרים בלילות. (תפוחי חיים פאנעט קארלסבורג)

**חילוק פון סיפור יצ״מ און זכירת יצ״מ**

אָמַר רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה: הֲרֵי אֲנִי כְּבֶן שִׁבְעִים שָׁנָה וְלֹא זָכִיתִי שֶׁתֵּאָמֵר יְצִיאַת מִצְרַיִם בַּלֵּילוֹת: לכאורה איז א פלא און דער חידושי הגר״ח (פסחים דף קט״ז ע״א) פרעגט די קשיא ביי די מצוה פון והגדת לבנך: אז דער מאמר איז א משנה (ברכות פ״א מ״ה) מַזְכִּירִין יְצִיאַת מִצְרַיִם בַּלֵּילוֹת א גאנץ יאר, איז ווי קומט דאס אריין אין די הגדה? און איז מחדש אז עס זענען דא דריי חילוקים פון זכירה און די מצוה פון סיפור יציאת מצרים, א) סיפור יצ״מ איז דערציילן פאר אנדערע, און זכירה איז פאר זיך אליין דערמאנען, ב) סיפור יצ״מ איז די גאנצע מעשה פון מתחיל בגנות, און מתחילה עובדי עו״ז ביז גאל ישראל, אבער ביי זכירה דארף מען נישט, ג) סיפור דארף מען זאגן די טעם פון די מצוה, און דאס איז רבן גמליאל אומר כל שלא אמר שלשה דברים, און זכירה דארף מען דאס נישט עכ״ד, דעריבער ברענגט מען דער מזכירין אין די הגדה צו ווייזן אז עס איז דא א חילוק פון סיפור, וואס דאס איז די גאנצע הגדה א] ארבעה בנים, והגדת, ב] מתחילה עוע״ז, סיפור, ג] כל שלא אמר, טעם המצוה. (עמק ברכה הרה״ג ר' מרדכי פומראנציק זצ״ל)

**וואס איז דער חידוש פון כבן שבעים שנה?**

דארף מען פארשטיין פארוואס דארף ראב״ע דערציילן הֲרֵי אֲנִי כְּבֶן שִׁבְעִים שָׁנָה עס וואלט געקענט פשוט שטיין אָמַר אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה: לֹא זָכִיתִי שֶׁתֵּאָמֵר יְצִיאַת מִצְרַיִם בַּלֵּילוֹת עַד שֶׁדְּרָשָׁהּ בֶּן זוֹמָא? נאר מען קומט צו פארענטפערן א קשיא ווייל ראב״ע איז דאך געווארן נשיא אנשטאט רבן גמליאל און עס איז געברענגט אין ירושלמי און אין רמב״ן עה״ת (בראשית מ״ט י) לֹא־יָסוּר שֵׁבֶט מִיהוּדָה.... עַד כִּי־יָבֹא שִׁילֹה וז״ל ועל דבר זה נענשו החשמונאים שמלכו בבית שני, אז מלכות בית חשמונאי האבן באקומען זייער עונש ווייל זיי זענען געווען כהנים און א כהן טאר נישט ווערן א מלך, אויב אזוי איז שווער ווייל ראב״ע איז געווען דער צענטן דור פון עזרא הסופר וואס איז געווען א כהן, איז ווי אזוי איז ער געווארן א נשיא וואס איז דומה למלך? נאר דער רבינו בחיי זאגט אז אין פסוק שטייט עַד כִּי יָבֹא שִׁילֹה, אז נאר ביז שִׁילֹה איז דער איסור פון מלכות און שִׁילֹה איז בגימט' מש״ה, און ביי מש״ה שטייט וַיְהִי בִישֻׁרוּן מֶלֶךְ (דברים לג ה) אז משה איז א מלך, ממילא לויט שיטת רבינו בחיי אז משה האט געמעגט זיין מלך, קען מען זאגן אז ווען ראב״ע האט געזאגט הרי אני כבן שבעים שנה מיינט אז ער איז געווען אכצן יאר און אין כתבי אריז״ל שטייט אז ער איז געווען כב״ן א גלגול פון שמואל וואס האט געלעבט 52 יאר כמנין ב״ן. אויב אזוי איז זייער שיין די כב״ן שבעים שנה וואס ראב״ע וויל דא זאגן אז ער איז א גילגול פון שמואל און עס שטייט מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן בְּכֹהֲנָיו וּשְׁמוּאֵל בְּקֹרְאֵי שְׁמוֹ: (תהלים צט ו) ממילא איז שמואל איז שקול כנגד משה און אהרן ממילא האט שמואל געמעגט זיין א מלך דעריבער איז ראב״ע וואס איז געווען דעם גילגול פון שמואל און ער איז דאס מרמז אין הֲרֵי אֲנִי כְּבֶן שִׁבְעִים שָׁנָה, צו פארענטפערן ווי אזוי האט ער געמעגט ווערן נשיא וואס איז אזוי ווי א מלך. (הגדה אגדת מרדכי -ב״ר יוזפא- הענא אב״ד האמבורג – אמ״ד תקכ״ד)

**צו פארשטיין די סברת המחלוקת בן זומא וחכמים**

צו פארשטיין די סברת המחלוקת פון בֶּן זוֹמָא און די חֲכָמִים צו "כֹּל" איז מרבה די לילות אדער "כֹּל" איז מרבה ימות הַמָּשִׁיחַ? ענטפערט דער ערוך לנר אין זיין ספר מנחת עני עה"ת פ' שמיני, אז דאס ווענדעדט זיך אין א אנדערע מחלוקת: ווייל עס שטייט אין מדרש און אין זוהר הק' (ח"א ק"א) און אין פרקי דרבי אליעזר (פמ"ח) אז דער שַׂר פון מצרים האט געהאט א טענה אז מען האט גוזר געווען גלות 400 יאר, און די אידן זענען נאר געווען 210 שנה, ממילא טאר מען זיי נישט אויסלייזן? האט מיכאל דער שַׂר פון כלל ישראל געענטפערט, אז די גזירה איז נאר געווען א שיעבוד אויף בייטאג אבער די מצרים האבן געהייסן אויך ארבעטן ביינאכט איז דאס משלים די איבעריגע 190 יאר, אבער דער מכילתא האט א אנדערע תירוץ: ווייל די אידן האבן תשובה געטאן האט דער אויבערשטער דערווייל מוותר געווען אויפן גָלוּת מִצְרַיִם, און דאס צוטיילט אויף די שפעטערדיגע גלות ביז מָשִׁיחַ וועט קומען, ממילא קומט אויס א נפק"מ פון די צוויי טעמים ווייל לויט דעם ערשטן טעם האט זיך געענדיגט די גָלוּת מִצְרַיִם דעמאלטס ביי יְצִיאַת מִצְרַיִם, ממילא איז נישטא קיין ענין צו מרבה זיין אז מען דארף מזכיר זיין יְצִיאַת מִצְרַיִם טויזנטער יאר נאך וואס גָלוּת מִצְרַיִם האט זיך געענדיגט, דעריבער איז בֶּן זוֹמָא מרבה "כֹּל" אויף מזכיר זיין בלילות, אבער די חֲכָמִים וועלן האלטן דעם צווייטן טעם, ממילא ציט זיך דער גָלוּת מִצְרַיִם ביז מָשִׁיחַ וועט קומען, דעריבער איז מען מרבה "כֹּל" לְהָבִיא לִימוֹת הַמָּשִׁיחַ, אז ביז דעמאלטס דארף מען מזכיר זיין גָלוּת מִצְרַיִם עכ"ד. ולענ"ד לויט דעם מהלך קען מען פארענטפערן א קשיא פון הגאון רבי עקיבא איגר (ברכות דף יב:) ווייל עס איז א פלא אז ביי בֶּן זוֹמָא שטייט כל ימי חייך הלילות, און ביי די חֲכָמִים שטייט "כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ" לְהָבִיא לִימוֹת הַמָּשִׁיחַ, און עס שטייט נישט "כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ" לִימוֹת הַמָּשִׁיחַ? נאר די חֲכָמִים זענען מחדש אז מען דארף מזכיר זיין יְצִיאַת מִצְרַיִם ביז מָשִׁיחַ וועט קומען, ווייל גָלוּת מִצְרַיִם ציהט זיך ביז דעמאלטס דעריבער מוז שטיין "לְהָבִיא" לִימוֹת הַמָּשִׁיחַ, דאס מיינט צו ברענגען דעם דערמאנונג פון גלות ביז ימוֹת הַמָּשִׁיחַ ודו"ק, מיט דעם מהלך קען מען אויך מסביר זיין די ברייתא (ברכות דף יב:) בֶּן זוֹמָא האט געפרעגט די חֲכָמִים וכי מזכירין יְצִיאַת מִצְרַיִם לִימוֹת הַמָּשִׁיחַ ווען עס שטייט אין (ירמיהו טז יד) לָכֵן הִנֵּה יָמִים בָּאִים נְאֻם ה' וְלֹא יֵאָמֵר עוֹד חַי ה' אֲשֶׁר הֶעֱלָה אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם. כִּי אִם חַי ה' אֲשֶׁר הֶעֱלָה אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ צָפוֹן וּמִכֹּל הָאֲרָצוֹת אֲשֶׁר הִדִּיחָם שָׁמָּה, זעהט מען אז מען וועט נישט מזכיר זיין יְצִיאַת מִצְרַיִם ווען מָשִׁיחַ וועט קומען? ענטפערן די חֲכָמִים אז מען וועט נאך מזכיר זיין יְצִיאַת מִצְרַיִם ווען משיח וועט קומען, נאר די עיקר וועט מען מזכיר זיין די שיעבוד מלכות, און יְצִיאַת מִצְרַיִם וועט זיין א טפל ע"כ, יעצט לויט אונזער מהלך קען מען זאגן אז לויט בֶּן זוֹמָא וואס דער גָלוּת מִצְרַיִם האט זיך געענדיגט ביי יְצִיאַת מִצְרַיִם, ממילא איז פשוט ווי עס שטייט אין פסוק וְלֹא יֵאָמֵר עוֹד חַי ה' אֲשֶׁר הֶעֱלָה אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם, מען וועט נישט דערמאנען יְצִיאַת מִצְרַיִם ווען מָשִׁיחַ וועט קומען, אבער די חֲכָמִים וואס האלטן אז גָלוּת מִצְרַיִם וועט זיך ציהען ביז מָשִׁיחַ, דעריבער האלטן זיי אז מען זאל ווייטער דאס דערמאנען אלץ א טפל צו שיעבוד מלכיות. אגב רעק"א ענטפערט אז "לְהָבִיא" מיינט א ענין פון טפל, איז בעזה"י אלעס פארענטפערט. (שמח זבולון תשפ"ב)

**וואס מיינט ולא זכיתי?**

לכאורה איז שווער אז די גמ' (ברכות דף כ"א.) זאגט אז ראב"ע איז נאר געווען אכצן יאר אלט, ווייל עס שטייט כְּבֶן שִׁבְעִים שָׁנָה און נישט הֲרֵי אֲנִי בֶּן שִׁבְעִים שָׁנָה, איז וואס איז דער חידוש אז ער האט נאך נישט געהערט די דרשה פון בֶּן זוֹמָא? און נאך איז שווער צו זאגן אז ראב"ע האט זיך בארימט מיט זייענדיג שִׁבְעִים שָׁנָה? נאר עס שטייט אין (דברי הימים ב ל"ו כ"א) כָּל יְמֵי הָשַּׁמָּה שָׁבָתָה לְמַלֹּאות שִׁבְעִים שָׁנָה, איז משמע אז די זיבעציג יאר פון גָלוּת בָּבֶל, ווייל די אידן זענען געווען עבדים, האט מען נישט דערציילט סִיפּוּר יְצִיאַת מִצְרַיִם, און ערשט נאך די זיבעציג יאר האט מען ווייטער דערמאנט יְצִיאַת מִצְרַיִם, אבער ראב"ע האט געלעבט נאכן חורבן בית שני ביים אנפאנג גָלוּת, האט ער ווייטער געהאלטן אז מען דארף נישט ווייטער דערמאנען סִיפּוּר יְצִיאַת מִצְרַיִם, אזוי ווי די שִׁבְעִים שָׁנָה פון גָלוּת בָּבֶל, ממילא הֲרֵי אֲנִי כְּבֶן שִׁבְעִים שָׁנָה, מיינט נישט ער איז געווען אלט ווי שִׁבְעִים שָׁנָה, נאר דערמאלט ביי אנפאנג גָלוּת זאל זיין ווי די שִׁבְעִים שָׁנָה פון בָּבֶל, און מען זאל נישט דערמאנען סִיפּוּר יְצִיאַת מִצְרַיִם אין גָלוּת! אבער ווען ער האט געזען די מחלוקת בֶּן זוֹמָא און די חכמים אז בֶּן זוֹמָא דרשענט כל ימי חייך הלילות, מוז דאך זיין לילות מיינט גָלוּת, און אפילו די חכמים וואס זאגן "לְהָבִיא" לִימוֹת הַמָּשִׁיחַ שטייט דאך אין די ברייתא (ברכות דף י"ב:) אז ביי ימות הַמָּשִׁיחַ וועט גָלוּת מִצְרַיִם נאר זיין א טפל, דעריבער האט ראב"ע פארשטאנען אז אין דעם גָלוּת דארף מען יא דערמאנען סִיפּוּר יְצִיאַת מִצְרַיִם און דער גָלוּת איז אנדערש פון גָלוּת בָּבֶל. ודו"ק ונחמד. (הגדה מעשי ה' להר' אליעזר אשכנזי)

**פארוואס ברענגט ראב"ע א ראי' פון בן זומא וואס איז א יחיד**

אָמַר אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה הֲרֵי אֲנִי כְּבֶן שִׁבְעִים שָׁנָה וְלֹא זָכִיתִי שֶׁתֵּאָמֵר יְצִיאַת מִצְרַיִם בַּלֵּילוֹת עַד שֶׁדְּרָשָׁהּ בֶּן זוֹמָא שֶׁנֶּאֱמַר לְמַעַן תִּזְכֹּר אֶת יוֹם צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ (דברים טז ג): "יְמֵי חַיֶּיךָ" הַיָּמִים, "כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ" הַלֵּילוֹת. וַחֲכָמִים אוֹמְרִים: "יְמֵי חַיֶּיךָ" הָעוֹלָם הַזֶּה, "כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ" לְהָבִיא לִימוֹת הַמָּשִׁיחַ. פרעגן אלע: מיט וואס איז ראב"ע בארוהיגט אז בֶּן זוֹמָא דרשענט "כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ" הַלֵּילוֹת אז מען דארף מזכיר זיין יציאת מצרים בלילות, בשעת די חכמים קריגן זיך אויף בן זומא און יחיד ורבים איז הלכה כרבים, ממילא איז מען לכאורה נישט מחוייב צו מזכיר זיין יציאת מצרים בלילות? נאר מען קען ענטפערן אז די גמ' (ברכות דף ט) זאגט הכל מודים אז די גאולה פון מצרים האט זיך אנגעפאנגען ביינאכט, אתחלתא דגאולה, און די יציאת מצרים איז געווען נאר בייטאג, קען מען זאגן אז די טעם פארוואס די חכמים האלטן נישט די דרשה פון בן זומא איז ווייל הכל הולך אחר החיתום, מען קוקט ווען איז מען במציאות ארויס פון מצרים, און דאס איז געווען נאר בייטאג, אבער ראב"ע האט א ראי' פון די חכמים אויך, אז מזכירין יציאת מצרים בלילות, און מען גייט אויך נאך די התחלת הגאולה, ווייל די חכמים זאגן "כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ" לְהָבִיא לִימוֹת הַמָּשִׁיחַ, אז דעמאלטס וועט מען אויך מזכיר זיין יציאת מצרים, איז די שאלה פארוואס וועט מען דארפן דערמאנענען דעמאלטס יציאת מצרים? נאר די מהר"ל זאגט ביי עבדים היינו, אז יציאת מצרים איז דער מקור פאר אלע שפעטערדיגע גאולות, און יציאת מצרים איז די **אתחלתא** דגאולה, זעהט מען פון די חכמים אז מען גייט אויך בתר **אתחלתא** דגאולה, וואס דאס איז געווען ביינאכט, ממילא

זעהט מען לויט די חכמים, אז זיי זענען אויך מודה, אז מזכירין יציאת מצרים בלילות. ממילא איז ראב"ע בארוהיגט אז נאכן דרשה פון בֶּן זוֹמָא זעהט מען אז די חכמים האלטן אויך ווי ער. (הגדה ערבי פסחים להגאון ר' עמרם בלום דער בית שערים)

**דרוש נחמד אויף רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה וואס האט געזאגט ולא זכיתי**

מַעֲשֶׂה בְּרַבִּי אֱלִיעֶזֶר וְרַבִּי יְהוֹשֻׁעַ וְרַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה וְרַבִּי עֲקִיבָא וְרַבִּי טַרְפוֹן וכו' אָמַר רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה: הֲרֵי אֲנִי כְּבֶן שִׁבְעִים שָׁנָה, וְלֹא זָכִיתִי שֶׁתֵּאָמֵר יְצִיאַת מִצְרַיִם בַּלֵּילוֹת עַד שֶׁדְּרָשָׁהּ בֶּן זוֹמָא: צו פארשטיין די סמיכות פון די צוויי מאמרים? ווייל מען דארף פארשטיין פארוואס האט רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה געדארפטווארטן אויפן דרשה פון בֶּן זוֹמָא אז מען מעג מזכיר זיין יציאת מצרים בלילות, בשעת מען זעהט אין די הגדה, וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ – יָכוֹל מֵרֹאשׁ חֹדֶשׁ, תַּלְמוּד לוֹמַר בַּיּוֹם הַהוּא, אִי בַּיּוֹם הַהוּא יָכוֹל מִבְּעוֹד יוֹם, תַּלְמוּד לוֹמַר בַּעֲבוּר זֶה – בַּעֲבוּר זֶה לֹא אָמַרְתִּי אֶלָּא בְּשָׁעָה שֶׁיֵּשׁ מַצָּה וּמָרוֹר מֻנָּחִים לְפָנֶיךָ. שטייט אז מען דארף דערציילן יציאת מצרים נאר ווען מצה ומרור ליגן פאר דיר און דאס איז נישט בייטאג, נאר י"ד ביינאכט, אזוי ווי תוס' זאגט מען מאכט א היקש מצה און מרור צו פסח, אז דאס מיינט ביינאכט און ביי דעם שטייט אין די תורה וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ, אויב אזוי וואס איז געווען די שאלה פון רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה? נאר עס שטייט (ענדע פ' ערבי פסחים) **אמר רבא אכל מצה בזמן הזה אחר חצות לא יצא חובתו**, ווייל מען איז מקיש אכילת מצה צו קרבן פסח, און אויב רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה האלט אז מען מעג עסן קרבן פסח נאר ביז חצות, ממילא איז די מצוה פון סיפור יציאת מצרים אויך נאר ביז חצות, יעצט זענען געזעצן די אלע תנאים און מְסַפְּרִים בִּיצִיאַת מִצְרַיִם כָּל אוֹתוֹ הַלַּיְלָה, האט רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה פארשטאנען אויב עס איז נישט קיין מצוה צו דערציילן יציאת מצרים די גאנצע נאכט וואלטן די תנאים דאס נישט געטאן די גאנצע נאכט, און רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה האט זיכער געהאלטן אז עס איז נישט קיין איסור צו דערציילן יציאת מצרים בלילות, נאר ער האט געזוכט א לימוד אז עס זאל זיין א ציווי און א מצוה, אזוי ווי די תנאים האבן אזוי געטאן, דעריבער ווען בֶּן זוֹמָא האט געדרשענט כָּל יְמֵי חַיֶּיךָ לרבות הַלֵּילוֹת, אבער "לרבות" מיינט נישט מרבה זיין די נאכט, נאר עס מיינט צו מוסיף זיין אויפן זמן אז נאך חצות איז אויך דא די מצוה, איז רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה געווען צופרידן וואס די תנאים האבן אזוי געטאן ווייל כָּל יְמֵי חַיֶּיךָ איז מרבה אז עס איז א מצוה די גאנצע נאכט, דעריבער שטייטביידע מאמרים צוזאמען. (הגדה ביזת מצרים הגאון ר' עקיבא אב"ד באריסאב סוף ת"ק)

**האלטן די חכמים אלעמאל אז כל ימי איז לרבות ימות המשיח?**

שטייט אין ילקוט שמעוני (שופטים רמז תתקטו) דאס וואס עס שטייט ביי א קעניג אז ער דארף האבן א ספר תורה וְהָיְתָה עִמּוֹ וְקָרָא בוֹ כָּל יְמֵי חַיָּיו (דברים יז יט) דרשענט מען וְקָרָא בוֹ בייטאג און כָּל יְמֵי חַיָּיו לרבות הלילות ע"כ, אויב אזוי לויט די חכמים וואס קריגן זיך אויף ראב"ע און בן זומא, און האלטן אין מזכירין יציאת מצרים בלילות, ווייל זיי דרשנען וַחֲכָמִים אוֹמְרִים: "יְמֵי חַיֶּיךָ" הָעוֹלָם הַזֶּה, "כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ" לְהָבִיא לִימוֹת הַמָּשִׁיחַ. אויב אזוי איז שווער אז ביי ס"ת וואס וועלן די חכמים דארטן דרשנען דעם כָּל? נאר מען קען ענטפערן אז עס איז דא די שיטה פון אחרים וואס האלטן אז די פסוק פון

וְקָרָא בוֹ כָּל יְמֵי חַיָּיו , מיינט די פרשה פון משנה תורה וואס דאס איז נאר ווען עס איז געוועזן הַקְהֵל, און עס שטייט אין (ישעיה יא ט) כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת ה' כַּמַּיִם לַיָּם מְכַסִּים: וואלט איך געמיינט אז ווען משיח וועט קומען וועט דער מלך המשיח נישט דארפן ליינען די משנה תורה וואס איז דברי מוסר, אין די צייט ווען עס איז דא דעת! דעריבער דארף מען דער לימוד פון כָּל יְמֵי חַיָּיו לרבות ימות המשיח. (אמרות ה' מהגאון ר' משה ארי' ליטש ר"ב אב"ד פרעשבורג)

**ענין עד שבאו תלמידיהם**

וְלֹא זָכִיתִי שֶׁתֵּאָמֵר יְצִיאַת מִצְרַיִם בַּלֵּילוֹת עַד שֶׁדְּרָשָׁהּ בֶּן זוֹמָא: פרעגן אלע אויב די חכמים קריגן זיך אויף בן זומא פארוואס זאגן מיר דעם סיפור יציאת מצרים בלילות? ענטפערט דער הגדה מעשי ה', ר"א אשכנזי, אז די חכמים זענען מודה אז מען דארף אויך זאגן דער סיפור יציאת מצרים בלילות, נאר די חכמים האלטן אז ווען משיח וועט קומען וועט מען אויך זיין חייב און לויט ראב"ע און בן זומא וועט מען זיין פטור. (עיין גמ' ברכות יב:) פרעגן אלע, איז דען מעגלאך צו זאגן אז די הייליגע תנאים וואלטן פארגעסן צו ליינען ק"ש ווען נישט וואס זייערע תלמידים קומען זיי דערמאנען? און וואס איז געוועזן די סברא פון די תלמידים? און אויך איז שווער וואס איז די שייכות פון מַעֲשֶׂה בְּרַבִּי אֱלִיעֶזֶר וכו' צו פריערט וַאֲפִילוּ כֻּלָּנוּ חֲכָמִים וכו'? נאר עס שטייט אין ילקוט חדש אז דער טעם פארוואס מען זאגט ק"ש איז כדי צו מתקן זיין דעם חטא פון אדה"ר אזוי ווי עס שטייט אין תנא דבי אליהו אז אדה"ר האט געזינדיגט און האט דורכדעם מטמא געמאכט די ערד און די שכינה הק' האט נישט געקענט אראפקומען דא, דעריבער דארפן מיר מתקן זיין דעם חטא, און דורך ליינען ק"ש איז מען דאס מתקן ע"כ, יעצט עס שטייט פריערט: אֲפִילוּ כֻּלָּנוּ חֲכָמִים, כֻּלָּנוּ נְבוֹנִים, כֻּלָּנוּ זְקֵנִים, כֻּלָּנוּ יוֹדְעִים אֶת הַתּוֹרָה, מִצְוָה עָלֵינוּ לְסַפֵּר בִּיצִיאַת מִצְרַיִם. און עס שטייט אז דער טעם צו דעם איז, ווייל דורך וואס חכמים זענען מרבה לספר ביציאת מצרים, ברענגען זיי אראפ די הייליגע שכינה אויף די וועלט, און אויך אויף זיי דורך מַרְבֶּה לְסַפֵּר, דערציילן בִּיצִיאַתמִצְרַיִם, יעצט איז גוט, ווייל עס שטייט וַאֲפִילוּ כֻּלָּנוּ חֲכָמִים איז מִצְוָה לְסַפֵּר בִּיצִיאַת מִצְרַיִם, און דא זענען געווען די גרעסטע חכמים וואס מיט זייער דערציילן האבן זיי זיכער אראפגעברענגט די שכינה אויפן ערד און אויך אויף זיי, האבן זיי געהאלטן אז יעצט דארפן זיי נישט ליינען ק"ש צו מתקן זיין חטא אדה"ר און אראפגעברענגען די שכינה, דעריבער האבן די תלמידים געקומען דערמאנען אז אה"נ אלץ דעם טעם פון אראפברענגען די שכינה דורך זייער סיפור, זענען זיי גערעכט, אבער עס זענען דא נאך טעמים פארוואס מען ליינט ק"ש, וואס דאס האט נישט קיין שייכות צו סיפור יציאת מצרים, ממילא דארפן זיי יא ליינען ק"ש.
(הגדה חלוקא דרבנן פי' כתונת פסים)

וְלֹא זָכִיתִי שֶׁתֵּאָמֵר יְצִיאַת מִצְרַיִם בַּלֵּילוֹת עַד שֶׁדְּרָשָׁהּ בֶּן זוֹמָא: עס איז משמע אז ראב"ע האט אויך געהאט דעם דרשה ווייל אויב נישט וואס מיינט וְלֹא זָכִיתִי שֶׁתֵּאָמֵר! אויב ער האט נישט קיין ראי' צודעם איז וועגן וואס זאל מען דארפן זאגן ביינאכט, איז קלאר אז ראב"ע האט געוואוסט דעם דרשה פון בן זומא אז מען דארף זאגן באנאכט, אויב אזוי איז שווער פארוואס ווען בן זומא האט געזאגט דעם דרשה האט מען פון אים דאס יא אנגענומען? נאר מען טרעפט אין גמרא אסאך מאל (שבת כ"א, חולין ז. און נאך) אז א תנא האט געזאגט א דין, ולא

קבליה מני', מען האט דאס נישט מקבל געווען, און א אנדערע האט געזאגט דעם זעלבן דין און פון אים האט מען דאס יא מקבל געווען. ווייל צו יעדן דין און ענין איז דא א צייט פון הימל, די זעלבער זאך געווען דא ביי די דרשה פון ראב"ע. מען קען אויך זאגן א אנדערע כוונה: אז ראב"ע האט געהאט דעם זעלבע דרשה פון בן זומא אבער ער האט דאס נישט מפרסם געווען וועגן זיין עניוות, אבער וויבאלד דעם דרשה האט ראב"ע אראפגעברענגט אויף דעם וועלט, האט בן זומא דאס משיג געווען און דאס געזאגט און דאס געדרשענט ברבים און מען האט דאס אנגענומען. אזוי ווי עס איז באוואוסט דעם מעשה פון הגאון ר' עקיבא איגר וואס האט זיך געפלאגט אויף א שווערע סוגיא ביז ער האט דאס פארשטאנען, און אויף צו מארגן זעהט ער ווי א בעל הבית לערנט די סוגיא אן א מוטשעניש, און האט געהאט חלישת הדעת. האט מען אים מגלה געווען פון הימל, אז ווייל ער האט אראפגעברענגט דעם פשט צו דער וועלט דורך זיין יגיעה, האט שוין דער בעל הבית דאס געקענט גרינג פארשטיין, און דער גאון איז געווארן בארוהיגט. און די זעלבע איז דא געווען דא ביי ראב"ע און בן זומא. (שמח זבולון)

אלע פרעגן פארוואס ווען בן זומא האט געדרשענט האט זיך ראב"ע צו געהערט, בשעת די חכמים קריגן זיך מיט אים? נאר עס שטייט (אבות פ"ד מ"א) בֶּן זוֹמָא האלט: אֵיזֶהוּ חָכָם, הַלּוֹמֵד מִכָּל אָדָם, שֶׁנֶּאֱמַר מִכָּל מְלַמְּדַי הִשְׂכַּלְתִּי כִּי עֵדְוֹתֶיךָ שִׂיחָה לִּי (תהלים קיט צט) ממילא ווייל בֶּן זוֹמָא האט געלערנט פון יעדן, דעריבער ווען בֶּן זוֹמָא האט עפעס געזאגט האבן די תנאים און אויך ראב"ע זיך צוגעהערט, און אז מען האט געהערט דעם דרש פון בֶּן זוֹמָא דעריבער מזכירין יציאת מצרים בלילות. (ראיתי)

כָּל יְמֵי חַיֶּיךָ לְהָבִיא לִימוֹת הַמָּשִׁיחַ: שטעלט זיך א קשיא אז מיר האבן א כלל אז די ווארט כָּל איז לְרַבּוֹת, מרבה צו זיין, אויב אזוי וואלט געפאסט צו שרייבן לְרַבּוֹת לִימוֹת הַמָּשִׁיחַ? נאר דער הייליגע **תפארת שלמה** טייטשט כָּל יְמֵי חַיֶּיךָ אז דיין גאנצע לעבן, לְהָבִיא לִימוֹת הַמָּשִׁיחַ, זאלסטו הארעווען צו ברענגען משיח. לויט דעם קען מען זאגן די כוונה אז כָּל יְמֵי חַיֶּיךָ, מען וועט דורך דעם דערציילן די סיפור יציאת מצרים, ברענגען משיח. (הגדה זבחי אי"ש) דער הייליגע בית אהרן שרייבט אז מיט יעדן מצוה און גוטע מעשה וואס א מענטש טוט, בויט ער נאך א ציגל פארן בית המקדש השלישי. ממילא גרייט ער אן ביאת המשיח. קען מען אויך זאגן כָּל איז לְרַבּוֹת, אז מען וועט מערן אין תורה און מעשים טובים, וועט מען ברענגען משיח. (שמח זבולון תשע"ז)

בָּרוּךְ הַמָּקוֹם, בָּרוּךְ הוּא. בָּרוּךְ שֶׁנָּתַן תּוֹרָה לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל, כְּנֶגֶד אַרְבָּעָה בָנִים דִּבְּרָה תוֹרָה. אֶחָד חָכָם, וְאֶחָד רָשָׁע, וְאֶחָד תָּם, וְאֶחָד שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ לִשְׁאוֹל

**שייכות קבלת התורה מיט יציאת מצרים**

בָּרוּךְ הוּא: צו פארשטיין די שייכות פון דאנקען דעם אויבערשטן אונז געבן די תורה ביי סיפור יציאת מצרים? נאר די אידן האבן געדארפט זיין אין מצרים ד' מאות שנה, נאר עס שטייט (זוהר חדש פ' יתרו) אז די אידן האבן נישט געקענט זיין אין טומאת מצרים א מינוט לענגער, ווייל חלילה וואלטן זיי אריין אין דער נ' שערי טומאה, און אויב יא, וואלטן די אידן נישט געקענט מקבל זיין די תורה, און די

גאנצע תכלית פון גלות מצרים איז געווען כדי די אידן זאלן מקבל זיין די הייליגע תורה אזוי ווי עס שטייט (שמות ג יב) כִּי אָנֹכִי שְׁלַחְתִּיךָ בְּהוֹצִיאֲךָ אֶת הָעָם מִמִּצְרַיִם תַּעַבְדוּן אֶת־הָאֱלֹקִים עַל הָהָר הַזֶּה: דאס מיינט אז דער אויבערשטער האט געשיקט משה אויסלייזן די אידן פארן צייט כדי זיי זאלן באקומען די תורה אויף יענע בארג. ממילא איז הפלא בָּרוּךְ הַמָּקוֹם, בָּרוּךְ הוּא, וואס ער האט אונז ארויסגענומען פון מצרים, און בָּרוּךְ שֶׁנָּתַן תּוֹרָה לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל, וואס צוליב דעם האט ער אונז ארויסגענומען פארן צייט, דעריבער בָּרוּךְ הוּא. (קרן לדוד הרה"צ ר' אליעזר דוד גרינוואלד מסאטמאר)

**די תורה האט מען אונז געגעבן אין שבת**

בָּרוּךְ הַמָּקוֹם, בָּרוּךְ הוּא. בָּ'רוּךְ שֶׁ'נָּתַן תּ'וֹרָה לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל, די ר"ת איז שב"ת, צו מרמז זיין אז שבת האט מען געגעבן די תורה. און ווייל אידן ווערן אנגערופן בנים למקום, מעגן זיי זיך באנוצן מיטן שבת וואס דאס איז די שטעקן פון קעניג, משא"כ א בֶּן נֹחַ שֶׁשָּׁבַת איז חייב מיתה, אויב אזוי איז נישטא די טענה וואס די מלאכים האבן געטענה'ט אז מְדִינָא דְּבַר מֶצְרָא, "תְּנָה הוֹדְךָ עַל הַשָּׁמָיִם" (תהלים ח ב), דארף מען זיי געבן די תורה! וועגן דעם האט מען אונז געגעבן די תורה אין שבת צו ווייזן אז אידן זענען בנים וואס קענען נוצן דעם שבת די שרביט המלך, און ביי בנים איז נישטא דעם דין פון בַּר מֶצְרָא, דעריבער קומט זיי די תורה (הגדה ילקוט שמעוני)

**וואס איז די שייכות ברוך המקום מיט די ד' בנים?**

בָּרוּךְ הַמָּקוֹם, בָּרוּךְ הוּא. בָּרוּךְ שֶׁנָּתַן תּוֹרָה לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל, כְּנֶגֶד אַרְבָּעָה בָנִים דִּבְּרָה תּוֹרָה. אֶחָד חָכָם, וְאֶחָד רָשָׁע, וְאֶחָד תָּם, וְאֶחָד שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ לִשְׁאוֹל. באמת דארף מען פארשטיין וואס איז די שייכות פון די מאמר בָּרוּךְ הַמָּקוֹם, וכו' וועגן געבן אונז די תורה, מיט כְּנֶגֶד אַרְבָּעָה בָּנִים וכו'? נאר עס שטייט אין גמ' (שבת דף פט) אז די מלאכים האבן נישט מסכים געווען צו געבן די תורה צו די אידן, האט דער אויבערשטער געזאגט פאר משה ער זאל זיי ענטפערן, אז אין די תורה שטייט אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם און איר זענט נישט ארויס פון מצרים, אויך שטייט לֹא תִּרְצָח לֹא תִּנְאָף לֹא תִּגְנֹב וגו', האט איר דען קנאה ביי אייך אדער א יצה"ר צו עובר זיין די זאכן? און די מלאכים האבן מסכים געווען, יעצט איז גוט בָּרוּךְ שֶׁנָּתַן תּוֹרָה לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל און נישט צו די מלאכים, ווייל כְּנֶגֶד אַרְבָּעָה בָנִים דִּבְּרָה תּוֹרָה און איינס איז א רָשָׁע, וואס ווייל ער האט א יצה"ר איז ער שלעכט, און דער חָכָם איז מתגבר אויפן יצה"ר, און תָּם, וְשֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ לִשְׁאוֹל זיי זענען מקנא דער וואס קען יא, דעריבער האט דער אויבערשטער געגעבן די תורה צו די אידן און נישט די מלאכים, בָּרוּךְ הַמָּקוֹם, בָּרוּךְ הוּא. (קרן ישועה בלאזוב)

**דרוש מקשר זיין ברוך המקום מיט ימי חייך הימים**

בָּרוּךְ שֶׁנָּתַן תּוֹרָה: די הגדה טעמי המלך ברענגט פון רבי ר' יהונתן אייבשיץ זצ"ל צו מקשר זיין דעם מאמר מיטן מאמר פון ימי חייך הימים. לויט די צוויי תירוצים פארוואס האבן די אידן נאר געארבעט 210 יאר ווען זיי האבן געדארפט ארבעטן 400 יאר? איין תירוץ איז: אז די אידן האבן אויך געארבעט באנאכט, האבן די לילות משלים געווען דעם שיעבוד. נאך א תירוץ: אז די מלאכים האבן געקומען העלפן די אידן און מיט דעם האבן זיי משלים געווען די 400 יאר. די נפקא מינה פון די תירוצים: אויב די אידן האבן אויך געארבעט באנאכט איז מען מחוייב צו דערציילן סיפור פון יציאת מצרים

באנאכט, אבער לויט דעם תירוץ אז די מלאכים האבן משלים געווען, האט מען בכלל נישט געארבעט באנאכט דארף מען נישט דערציילן סיפור פון יציאת מצרים באנאכט נאר בייטאג. עס שטייט אין גמרא שבת אז משה רבינו האט געטענה'ט אנקעגן די מלאכי השרת וואס האבן געזאגט "תְּנָה הוֹדְךָ עַל הַשָּׁמָיִם" האט משה געזאגט כלום ירדתם למצרים, אבער אויב זיי זענען אראפגעגאנגען העלפן די אידן אין מצרים אויב אזוי איז אפגעפרעגט געווארן די טענה פון משה רבינו, און מען דארף געבן די תורה צו די מלאכים, לויט דעם איז זייער גוט וחכ"א כל ימי חייך להביא לימות המשיח, וואס איז מוכח פון דעם, אז עס איז נישטא קיין חיוב דערציילן סיפור פון יציאת מצרים באנאכט נאר בייטאג מוז זיין אז די מלאכים האבן משלים געווען, וואלטן זיי געדארפט באקומען די תורה, אויב אזוי ברוך המקום ברוך הוא ברוך שנתן תורה, ווייל ער האט דאס געקענט געבן פאר די מלאכים, און אונז דאס געגעבן. (הגדה ילקוט שמעוני)

### סמיכות ברוך המקום מיט כנגד ארבעה בנים

בָּרוּךְ הַמָּקוֹם, בָּרוּךְ הוּא. בָּרוּךְ שֶׁנָּתַן תּוֹרָה לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל, בָּרוּךְ הוּא: שטייט אין מפרשים אז די פיר מאל בָּרוּךְ, איז כנגד די ארבעה בנים. דעריבער איז גוט פארוואס שטייט גלייך נאכדעם די ארבעה בנים.

### וואס איז דער תירוץ אין מפטירין אחר הפסח אפיקומן?

חָכָם מָה הוּא אוֹמֵר: מַה הָעֵדוֹת וְהַחֻקִּים וְהַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר צִוָּה ה' אֱלֹקֵינוּ אֶתְכֶם? וְאַף אַתָּה אֱמָר לוֹ כְּהִלְכוֹת הַפֶּסַח: אֵין מַפְטִירִין אַחַר הַפֶּסַח אֲפִיקוֹמָן. איז שווער דער חכם פרעגט מַה הָעֵדוֹת אֲשֶׁר צִוָּה ה' אֱלֹקֵינוּ אֶתְכֶם? און דער רשע פרעגט מָה הָעֲבֹדָה הַזֹּאת לָכֶם? וואס איז דער חילוק? און וואס איז דער ענטפער פון וְאַף אַתָּה אֱמָר לוֹ כְּהִלְכוֹת הַפֶּסַח: אֵין מַפְטִירִין אַחַר הַפֶּסַח אֲפִיקוֹמָן. נאר דער חכם פרעגט נישט פארוואס מען דארף טאן מצוות, נאר עס זענען דא מצוות וואס דער שכל איז מחייב, למשל לא תגזול: וואס פאר א רעכט האסטו צו צונעמען יעמענ'ס אזאך, אדער כיבוד אב ואם: אוודאי מוז מען זיי מכבד זיין, אויב אזוי פארוואס איז דא דער ציווי, דאס פרעגט דער חכם מַה הָעֵדוֹת אֲשֶׁר צִוָּה? ענטפערט מען אים אֵין מַפְטִירִין אַחַר הַפֶּסַח אֲפִיקוֹמָן, וואס דער ציווי איז מען טאר נישט עסן נאך די אפיקומן, וואס לכאורה דאס איז דער קרבן פסח און הפסח נאכל על השובע, דאס מיינט מען איז שוין זאט ווען מען עסט די אפיקומן און קרבן פסח, ממילא איז איבעריג צו געבן א ציווי אז מען טאר נישט עסן נאכדעם ווייל מען איז דאך גענוג זאט, נאר דער אויבערשטער גיט ציוויים צו מרבה זיין שכר. (חיים לראש ר' חיים פאלאז'י)

### וואס איז די ראי' פון די פסוקים ווער איז חכם אדער רשע?

כְּנֶגֶד אַרְבָּעָה בָנִים דִּבְּרָה תּוֹרָה. אֶחָד חָכָם, וְאֶחָד רָשָׁע, וכו' חָכָם מָה הוּא אוֹמֵר, מַה הָעֵדוֹת וְהַחֻקִּים וְהַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר צִוָּה ה' אֱלֹקֵינוּ אֶתְכֶם (דברים ו כ) וכו'? רָשָׁע מָה הוּא אוֹמֵר, מָה הָעֲבֹדָה הַזֹּאת לָכֶם (שמות יב כו) וכו', שטעלט זיך די שאלה וואס איז די ראיה פארן בעל הגדה וועלכע פסוק רעדט זיך וועגן חכם און וועלכע וועגן רשע, אפשר די פסוק מַה הָעֵדוֹת וְהַחֻקִּים, איז דער רשע, און די פסוק מָה הָעֲבֹדָה הַזֹּאת לָכֶם, איז דער חכם? נאר מען קען ענטפערן אז עס איז געווען שווער פארוואס ווען די הייליגע תורה ענטפערט אויפן שאלה פון מָה הָעֲבֹדָה הַזֹּאת לָכֶם איז דער תירוץ וַאֲמַרְתֶּם זֶבַח פֶּסַח

הוא לַה' (שם כז) און נישט וַאֲמַרְתֶּם אֵלָיו, אבער ביי די אנדער שאלה פון מַה הָעֵדוֹת וְהַחֻקִּים וְהַמִּשְׁפָּטִים איז דער תירוץ וְאָמַרְתָּ לְבִנְךָ (שם כא), מוז מען זאגן לויט וואס עס שטייט אין גמ' (מגילה דף כח ע"א) אסור להסתכל בצורת אדם רשע, מען טאר נישט אנקוקן אין א צורה פון א רשע ווייל עס שטייט (מלכים ב ג יד) כִּי לוּלֵי פְּנֵי יְהוֹשָׁפָט מֶלֶךְ יְהוּדָה אֲנִי נֹשֵׂא אִם אַבִּיט אֵלֶיךָ וְאִם אֶרְאֶךָּ. אלישע האט געזאגט נאר וועגן כבוד פון יְהוֹשָׁפָט קוקט ער אויף מלך ישראל און מלך אדום ווייל זיי זענען רשעים, דעריבער שטייט נישט וַאֲמַרְתֶּם אֵלָיו, ווייל אֵלָיו מיינט קוקן אין זיין פנים, דעריבער שטייט נאר וַאֲמַרְתֶּם, איז די ראי' אז דער פסוק גייט אויפן רשע, משא"כ ביי די שאלה פון מַה הָעֵדוֹת, איז די תירוץ וְאָמַרְתָּ לְבִנְךָ, ווייל דאס איז א חכם און עס איז גאר א מצוה אנקוקן זיין צורה צו ווייזן ליבשאפט, דעריבער איז גוט די ראי' פון בעל הגדה. (אמרות ה' הגאון ר' שמואל ליטש ר"ב אב"ד דק"ק יערגן)

**דער עיקר כח פון כלל ישראל איז די מסורה**

רָשָׁע מָה הוּא אוֹמֵר מָה הָעֲבֹדָה הַזֹּאת לָכֶם (שמות יב כו) לָכֶם וְלֹא לוֹ וּלְפִי שֶׁהוֹצִיא אֶת עַצְמוֹ מִן הַכְּלָל כָּפַר בְּעִקָּר וְאַף אַתָּה הַקְהֵה אֶת שִׁנָּיו וֶאֱמֹר לוֹ בַּעֲבוּר זֶה עָשָׂה ה' לִי בְּצֵאתִי מִמִּצְרָיִם" (שמות יג ח) לִי וְלֹא לוֹ אִילּוּ הָיָה שָׁם לֹא הָיָה נִגְאָל. צו פארשטיין וואס פרעגט דער רשע "לָכֶם" און וואס ענטפערט מען אים בַּעֲבוּר "זֶה", וועלכע זאך איז "זֶה"? נאר דער דרך פון רשע אז ער טוט אין אנפאנג זיינע עבירות באהאלטענערהייט אבער ער האט נישט די חוצפה אפצולאכן פון די וועגן פון זיינע עלטערן, ביז ער פאלט אראפ און לאכט אפ פון דרכי אבותיו און מאכט ליצנות און זאגט "מָה הָעֲבֹדָה הַזֹּאת לָכֶם? פארוואס דארפט איר טאהן ווי אייער עלטערן האבן געטאן, ווייל זיי האבן געגעסן מצות און מרור דעריבער דארפן מיר דאס אויך טאן? דעריבער ענטפערט מען אים בַּעֲבוּר "זֶה" וואס די אידן אין מצרים אפילו זיי האבן געזינדיגט, אבער זיי האבן פארט נישט געווען מחוצפים אנקעגן זייערע עלטערן, און טאקע ווען משה רבינו האט געהייסן אהרן רעדן צו די אידן שטייט וַיַּאֲמֵן הָעָם, זיי האבן געפאלגט, דאס מיינט בַּעֲבוּר "זֶה", וואס די אידן האבן נישט אפגעלאכט פון זייערע עלטערן זענען זיי געווארן אויסגעלייזט, אבער דער רשע, אִילּוּ הָיָה שָׁם לֹא הָיָה נִגְאָל. דאס מיינט וּלְפִי שֶׁהוֹצִיא אֶת עַצְמוֹ מִן הַכְּלָל, אז ער האט זיך ארויס גענומען פון כלל ישראל, וואס זייער כח איז די מסורה פון די אבות, דעריבער איז ער א כָּפַר בְּעִקָּר, אזוי ווי די טייטש פון צדיקים אויף אֲרַמִּי אֹבֵד אָבִי, אז לבן האט געארבעט צו פארגעסן פון די מסורת האבות, און אזוי פארגעסן חלילה פון אויבערשטן, קען מען צולייגן אז דאס מיינט בַּעֲבוּר זֶה עָשָׂה ה' לִי בְּצֵאתִי מִמִּצְרָיִם, ווייל די צדיקים זאגן אז פון דעם וואס מיר עסן נאך היינט מצה און מרור, איז נאר ווייל אונזערע עלטערן האבן געגעסן און זיי האבן דאס געזעהן ביי זייערע עלטערן ביז יציאת מצרים און דאס ברענגט אונז אמונה, און דאס שטייט אז מצה איז א מאכל פון אמונה. (שמח זבולון תשפ"ה)

**פסח ביים סדר קען מען בעטן פאר אלעם**

וְשֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ לִשְׁאוֹל – אַתְּ פְּתַח לוֹ שֶׁנֶּאֱמַר: וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ בַּיּוֹם הַהוּא לֵאמֹר, בַּעֲבוּר זֶה עָשָׂה יְיָ לִי בְּצֵאתִי מִמִּצְרָיִם.

וְשֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ לִשְׁאוֹל: פארוואס שטייט אַתְּ א לשון נקיבה און נישט אַתָּה א לשון זכר? נאר עס שטייט אין (שיח זקנים ח"ד דף ז') אז הרה"ח

ר׳ דוד צבי שלמה וועבער ז״ל האט געהערט בשם הרה״ק ר׳ אברהם יעקב מסאדיגורא זצוק״ל: וְשֶׁאֵינוֹ: דער וואס האלט זיך אז ער איז גארנישט, יוֹדֵעַ לִשְׁאוֹל, ער ווייס צו בעטן, אַתְּ פְּתַח לוֹ, און אַתְּ די שכינה עפענט אויף פאר אים די שערי שמים. לויט דעם קען מען טייטשן וואס עס שטייט אין די הגדה מַה נִּשְׁתַּנָּה הַלַּיְלָה הַזֶּה מִכָּל הַלֵּילוֹת און דער רמב״ם אין משנה תורה (פרק ח ה״ב) האט דעם נוסח וכאן הבן שואל. ואומר הקורא, מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות: און עס איז ידוע וואס דער הייליגער בית אהרן קארלין שרייבט אויף וכאן הבן שואל, דא קען מען בעטן וואס מען דארף, איז דער שאלה פארוואס איז אנדערש די נאכט פון אלע נעכט וואס מען קען יעצט בעטן? נאר "מָה" מיינט ענוה אזוי ווי עס שטייט (שמות טז ז) וְנַחְנוּ מָה כִּי תַלִּינוּ עָלֵינוּ, ער האלט זיך אז ער איז גארנישט, דעריבער פסח ביי נאכט זענען אלע גלייך און מען האלט אז מען איז גארנישט דעריבער קען מען בעטן און די טויערן זענען אלע אפן. (שמח זבולון תשפ״ב)

וְשֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ לִשְׁאוֹל – אַתְּ פְּתַח לוֹ, עס איז באוואוסט פון הייליגן אריז״ל די גרויסע לעכטיגקייט און השפעות וואס דער אויבערשטער גיט אין ליל הסדר. אבער אויב א מענטש ווייסט נישט ווי אזוי צו בעטן ווייל מען דארף זיין א כלי צו מקבל זיין די השפעות איז די תירוץ אַתְּ,– א–ת– די אותיות התורה פון א׳ ביז ת׳, דורך לימוד התורה און הכנה אזוי ווי די גמ׳ זאגט "שלשים יום קודם החג", ווערט מען א כלי צו מקבל זיין. (שמח זבולון)

וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ בַּיּוֹם הַהוּא לֵאמֹר: פארוואס שטייט לֵאמֹר נאכדעם וואס ער האט געזאגט וְהִגַּדְתָּ? נאר אויב ער וואלט נאר געזאגט וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ וואלט איך געזאגט אז די גאנצע הגדה איז נאר אויב ער האט א זון, אבער אויב נישט איז ער פטור וועגן דעם כפל הלשון, "לֵאמֹר" אז אפילו אויב איינער האט נישט קיין קינדער אדער ער איז אליין, איז דא דער חיוב וְהִגַּדְתָּ בַּיּוֹם הַהוּא לֵאמֹר.

**דרוש אויב אברהם האט געדינט עו״ז**

מִתְּחִלָּה עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה הָיוּ אֲבוֹתֵינוּ, וְעַכְשָׁיו קֵרְבָנוּ הַמָּקוֹם לַעֲבֹדָתוֹ, שֶׁנֶּאֱמַר: וגו׳ תֶּרַח אֲבִי אַבְרָהָם וַאֲבִי נָחוֹר, וַיַּעַבְדוּ אֱלֹהִים אֲחֵרִים. וָאֶקַּח אֶת אֲבִיכֶם אֶת אַבְרָהָם מֵעֵבֶר הַנָּהָר: עס שטייט מִתְּחִלָּה עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה "הָיוּ אֲבוֹתֵינוּ", וואס דאס איז משמע אז אויך אברהם האט געדינט עו״ז, און דער הייליגער קאזניצער מגיד שרייבט אזוי, און ער זאגט אז דאס איז דער חידוש וואס דער בעל הגדה וויל אונז לערנען: מִתְּחִלָּה עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה הָיוּ אֲבוֹתֵינוּ, אז אפילו א מענטש האט שוין אויך געדינט עו״ז, זאל ער זיך נישט מייאש זיין פון תשובה טאהן, ווייל וְעַכְשָׁיו קֵרְבָנוּ הַמָּקוֹם לַעֲבֹדָתוֹ, דער אויבערשטער וועט דיר גלייך מקרב זיין ע״כ בהגש״פ גבורות ישראל, לכאורה לפי שיטתו דאס וואס שטייט אין פסוק תֶּרַח אֲבִי אַבְרָהָם וַאֲבִי נָחוֹר, וַיַּעַבְדוּ אֱלֹהִים אֲחֵרִים, מיינט וַיַּעַבְדוּ אויך אויף אברהם. אין הייליגן ספר מנחם ציון להרה״ק ר׳ מענדל מרימינוב זיע״א שטייט אויך אז מִתְּחִלָּה גייט ארויף אויף אברהם, אבער אין הגדש״פ באר מים תלמיד בעש״ט לערנט, אז מִתְּחִלָּה עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה הָיוּ "אֲבוֹתֵינוּ" גייט נאר ארויף אויף תֶּרַח וְנָחוֹר, דעריבער שטייט "אֲבוֹתֵינוּ" א לשון רבים, און נאכדעם שטייט "אֲבִיכֶם" א לשון יחיד, וואס דאס איז אֶת אַבְרָהָם, אז ער האט

נישט געדינט עו"ז, און לענ"ד צו מסביר זיין דער מחלוקת, איז דאס תלוי אין א מחלוקת, דער מדרש (בראשית רבה פ' תולדות) האלט בן מ"ח שנה הכיר אברהם את בוראו, ממילא איז מסתבר אז ביז דעמאלטס האט ער געדינט עו"ז, אבער שיטת הבבלי איז (נדרים דף לב ע"א) בן ג' שנים הכיר אברהם את בוראו, ווייל עקב אשר שמע אברהם בקולי דאס איז קע"ב יאר, און קע"ה יאר פון אברהם, איז דריי, קען מען טאקע זאגן ווייל ער איז נאר געווען בן ג' הכיר את בוראו, איז מסתבר אז אזא יונגע קינד האט נישט געדינט עו"ז, ממילא קומט אויס לויט דעם פשט מוז מען זאגן אז דער וַיַּעַבְדוּ אֱלֹהִים אֲחֵרִים, גייט ארויף נאר אויף תֶּרַח וְנָחוֹר, און נישט אויף אברהם, ודו"ק. (שמח זבולון תשפ"ג)

**קינדער פון אברהם זענען די בני יעקב**

מִתְּחִלָּה עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה וכו' וָאַרְבֶּה אֶת זַרְעוֹ וָאֶתֵּן לוֹ אֶת יִצְחָק, וָאֶתֵּן לְיִצְחָק אֶת יַעֲקֹב וְאֶת עֵשָׂיו. וָאֶתֵּן לְעֵשָׂו אֶת הַר שֵׂעִיר לָרֶשֶׁת אֹתוֹ, וְיַעֲקֹב וּבָנָיו יָרְדוּ מִצְרָיִם. איז שווער פארוואס דארף דער בעל הגדה דערציילן וָאֶתֵּן לְעֵשָׂו אֶת הַר שֵׂעִיר לָרֶשֶׁת אֹתוֹ? נאר עס שטייט אין מס' נדרים אויב מען מאכט א נדר נישט הנאה צו האבן מזרע אברהם איז מען נאר אסור פון א איד און מותר פון א גוי, זאגט דער רמב"ם (פי' המשניות) ווייל זרע אברהם מיינט די קינדער פון יעקב, ווייל דער אויבערשטער האט געזאגט צו אַבְרָם כִּי גֵר יִהְיֶה זַרְעֲךָ בְּאֶרֶץ לֹא לָהֶם (טו יג), און דאס איז נאר נתקיים געווארן ביי די קינדער פון יעקב, און ווען דער אויבערשטער האט געזאגט (שם יח) לְזַרְעֲךָ נָתַתִּי אֶת הָאָרֶץ הַזֹּאת, איז דאס געבונדן מיט בְּאֶרֶץ לֹא לָהֶם, יעצט די תורה שרייבט אֵלֶּה אַלּוּפֵי אֱדוֹם, לְמֹשְׁבֹתָם בְּאֶרֶץ אֲחֻזָּתָם הוּא עֵשָׂו אֲבִי אֱדוֹם. אז עשו האט באקומען זיין ירושה, און גלייך נאכדעם שטייט וַיֵּשֶׁב יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מְגוּרֵי אָבִיו, אז יעקב האט געהאט גלות, דעריבער שטייט אין די הגדה וָאֶתֵּן לְעֵשָׂו אֶת הַר שֵׂעִיר לָרֶשֶׁת אֹתוֹ, אז עֵשָׂו וואוינט אין זיין לאנד, אבער וְיַעֲקֹב וּבָנָיו יָרְדוּ מִצְרָיִם. קומט אויס ווייל וָאֶתֵּן לְעֵשָׂו וכו' דעריבער האבן די קינדער פון יעקב ארץ ישראל. (הגרי"ז מבריסק)

**ועכשיו און היינט אויך**

מִתְּחִלָּה עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה הָיוּ אֲבוֹתֵינוּ, וְעַכְשָׁיו קֵרְבָנוּ הַמָּקוֹם לַעֲבֹדָתוֹ: איינמאל ביים סדר האט זיך דער הייליגער דברי יואל זיע"א זיך געשטעלט אויפן ווארט וְעַכְשָׁיו, ווייל לויטן לשון פון מִתְּחִלָּה דארף מען נאכדעם זאגן וְאַחַר כַּךְ קֵרְבָנוּ הַמָּקוֹם לַעֲבֹדָתוֹ? נאר דער כוונה איז אזוי ווי ביי יציאת מצרים האט יעדער געפילט א נאנטקייט צום אויבערשטער אזוי איז דאס יעדן יאר די נאכט פון פסח, און דאס מיינט וְעַכְשָׁיו: יעצט ביים סדר קֵרְבָנוּ הַמָּקוֹם לַעֲבֹדָתוֹ, זענען מיר זייער נאנט צום אויבערשטן. הגה"צ ר' שמואל בראך פון נאנאש האט דאס געזען און ווען דער רבין זיע"א האט געהאלטן ביי וְעַכְשָׁיו האט ער אנגעכאפט דעם קיטל און געשריגן מיט התלהבות "וְעַכְשָׁיו". (הגדה פרדס הצדיקים)

**די זעלבע בחינה אין א אנדערן אופן**

וְעַכְשָׁיו קֵרְבָנוּ הַמָּקוֹם לַעֲבֹדָתוֹ: וואס איז די לשון "וְעַכְשָׁיו" עס וואלט געקענט שטיין וקרבנו הקב"ה לעבודתו, נאר מען קען דאס מרמז זיין אויפן דרך פון דער מענטש ביי עבודת השי"ת, אז אפילו א מענטש איז משועבד צום יצר הרע, און מיינט אז ער איז שוין פארפאלן, זאל מען וויסן אז נייין! מיט איין מינוט קען מען זיך נעמען צו דינען דעם רבש"ע, און דער אויבערשטער וואס ווארט פאר יעדן איד ווערט

דעם מענטש גלייך מקרב זיין צו זיך. דאס מיינט ועכשיו, יעצט: די מינוט, ווען מען נעמט זיך צו די עבודה. ווערט זיין, קֵרְבָנוּ הַמָּקוֹם לַעֲבֹדָתוֹ. (בית אברהם סלאנים)

**מען וואלט געקענט צולייגן** עס שטייט אין ספרים די גרויסע הארות און ליכטיגקייט וואס דער אויבערשטער שיינט אריין אין די נאכט פון פסח און די זעלבער הארה פון דעמאלט'ס טוט זיך יעצט אויך אזוי, און מיט אזעלכע ליכטיגקייט ביי א איד איז אוודאי אז מען ווערט דערהויבן און נענטער צו די רבש"ע, איז גוט די ווארט וְעַכְשָׁיו: יעצט ביי די נאכט, פון די אלע הארות און ליכטיגקייט, איז אוודאי קֵרְבָנוּ הַמָּקוֹם לַעֲבֹדָתוֹ, מען איז געווארן נענטער צו אים. (שמח זבולון)

**יָכוֹל מֵרֹאשׁ חֹדֶשׁ, תַּלְמוּד לוֹמַר בַּיּוֹם הַהוּא, אִי בַּיּוֹם הַהוּא יָכוֹל מִבְּעוֹד יוֹם, תַּלְמוּד לוֹמַר בַּעֲבוּר זֶה בַּעֲבוּר זֶה לֹא אָמַרְתִּי אֶלָּא בְּשָׁעָה שֶׁיֵּשׁ מַצָּה וּמָרוֹר מֻנָּחִים לְפָנֶיךָ.**

וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ- יָכוֹל מֵרֹאשׁ חֹדֶשׁ: פארוואס וואלט איך געמיינט אז מען דארף אנהויבן פון ר"ח? אויך איז שווער פארוואס שטייט וְהִגַּדְתָּ און נישט וְסִפַּרְתָּ? נאר עס איז דא א חילוק פון הגדה און סיפור. א סיפור מיינט דערציילן א זאך אזוי ווי עס איז געשען און דער מספר זוכט נישט אז דער שומע זאל דאס מקבל זיין אדער נישט, משא"כ הגדה איז א לשון פון ציען עס זאל זיין א געשמאק אז דער שומע זאל וועלן זיך צו הערן, נאך א חילוק: סיפור איז א מעשה פון אמאל און הגדה איז וואס טוט זיך יעצט. דעריבער ווייל מען דארף זאגן סיפור יציאת מצרים מיט א אויפן פון הגדה און מאכן אינטערעסאנט וואלט מען געמיינט אז מען דארף זוין אנהויפן פון ר"ח אדער כאטש פון ערב פסח, קמ"ל בַּעֲבוּר זֶה בַּעֲבוּר זֶה לֹא אָמַרְתִּי אֶלָּא בְּשָׁעָה שֶׁיֵּשׁ מַצָּה וּמָרוֹר מֻנָּחִים לְפָנֶיךָ. (דרשות מהר"ם שיק ח"ב)

**דרוש נחמד פארוואס וואלט מען געמיינט פון ר"ח** יָכוֹל מֵרֹאשׁ חֹדֶשׁ דער יָכוֹל מֵרֹאשׁ חֹדֶשׁ גייט ארויף אויף וואס מען האט יעצט געזאגט ביי שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ לִשְׁאוֹל, וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ בַּיּוֹם הַהוּא לֵאמֹר, בַּעֲבוּר זֶה עָשָׂה ה' לִי בְּצֵאתִי מִמִּצְרָיִם.

דער מאמר איז פון מכילתא (שמות יג ח) וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ וז"ל שומע אני מֵרֹאשׁ חֹדֶשׁ? תַּלְמוּד לוֹמַר בַּיּוֹם הַהוּא. אִי בַּיּוֹם הַהוּא יָכוֹל מִבְּעוֹד יוֹם? תַּלְמוּד לוֹמַר בַּעֲבוּר זֶה בְּשָׁעָה שֶׁיֵּשׁ מַצָּה וּמָרוֹר מֻנָּחִים לְפָנֶיךָ, פרעגט דער פנים יפות פארוואס דארף מען ברענגען דער פסוק פון בַּיּוֹם הַהוּא אפצושלאגן דעם יָכוֹל מֵרֹאשׁ חֹדֶשׁ, ווען מען וואלט געקענט נאר ענטפערן אז עס קען נישט זיין פון ר"ח ווייל עס שטייט בַּעֲבוּר זֶה בְּשָׁעָה שֶׁיֵּשׁ מַצָּה וּמָרוֹר מֻנָּחִים, אז נאר אין נאכט פון פסח און נישט פון ר"ח? נאר מען מוז זאגן אז ווען עס שטייט נאר בַּעֲבוּר זֶה אליין וואלט מען געלערנט א גזירה שוה פון הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים, און דאס איז געווען די הוה אמינא אז עס איז פון ר"ח, אזוי ווי שואלין ודורשין לפני הפסח, דעריבער ברענגט מען בַּיּוֹם הַהוּאת אז מען זאגט נישט די ג"ש פון החודש הזה, ווייל עס שטייט בַּיּוֹם הַהוּא, נאר מען האט א אנדערע גזירה שוה וְאָכְלוּ אֶת הַבָּשָׂר "בַּלַּיְלָה הַזֶּה" צְלִי אֵשׁ (שמות יב ח) וואס איז די נאכט פון פסח, אז נאר דעמאלט איז די מצוה פון סיפור יציאת מצרים. (הגדה הפלאה)

**וְהִיא שֶׁעָמְדָה לַאֲבוֹתֵינוּ וְלָנוּ שֶׁלֹּא אֶחָד בִּלְבָד עָמַד עָלֵינוּ לְכַלּוֹתֵנוּ, אֶלָּא שֶׁבְּכָל דּוֹר וָדוֹר עוֹמְדִים עָלֵינוּ לְכַלּוֹתֵנוּ, וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַצִּילֵנוּ מִיָּדָם.**

**פארוואס מגביהין הכוס ביי וְהִיא שֶׁעָמְדָה?**



ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק פסח תשפ"ה pardesyehuda1@gmail.com "עולם הספרים"

מְגַבִּיהִין הכוס ואומרים וְהִיא שֶׁעָמְדָה: פארוואס? נאר עס שטייט אין גמ' (חולין דף צב עא) **אמר רבי שמעון בן לקיש: אומה זו כגפן נמשלה, זמורות שבה אשכולות שבה אלו תלמידי חכמים, עלין שבה אלו עמי הארץ, קנוקנות שבה אלו ריקנים אלו בעלי בתים, שבישראל.** שטייט אין מהרש"א (חידושי אגדות, פסחים, מט ע"א) פון ירושלמי אז גפן קען מען נישט מרכיב זיין מיט א אנדערע צווייג, און אזוי שטייט אין תיקוני זהר (תיקון ט וס"ט), און כלל ישראל זענען אויסגעצייכנט שלא שינוי שְׁמָם וּלְשׁוֹנָם און לְבוּשָׁם, און דאס האט געהאלטן די אידן אין מצרים און אויך אין אלע דורות, דעריבער ווען מען האלט דעם כוס פון וויין זאגט מען והיא די גפן, וואס איז מרומז צו כלל ישראל, דאס האלט אונז אלע דורות און אין זכות פון דעם איז וְהַקָּבָּ"ה מַצִּילֵנוּ מִיָּדָם. (הגדה תכלת מרדכי ברעזאן)

וְהִיא שֶׁעָמְדָה לַאֲבוֹתֵינוּ וְלָנוּ. וואס מיינט והיא? נאר עס שטייט אין זוהר הק' אז דער שווערע שיעבוד אין מצרים איז געווען א טובה פאר כלל ישראל, ווייל דורך דעם וואס זיי זענען געווען פארנומען מיטן ארבעט האבן זיי זיך נישט געמישט מיט די מצריים ע"כ. דאס מיינט והיא, די שווערע שיעבוד פון מצרים האט אונז געהאלטן און זיך נישט געלערנט פון די גויים. און דאס וואס מיר זענען משועבד אין גלות האלט אונז אלע דורות אין גלות אז מען זאל זיך נישט אפלערנען פון די גויים. (שפת אמת)

וְהִיא שֶׁעָמְדָה לַאֲבוֹתֵינוּ וְלָנוּ: עס איז דא כ"ב אותיות התורה, דוד המלך ע"ה זאגט (תהלים קיט צב) לוּלֵי תוֹרָתְךָ שַׁעֲשֻׁעָי, אָז אָבַדְתִּי בְעָנְיִי, אן תורה וואלט ער פארלוירן געווארן. והי"א איז בגימט' 22 מרומז אויף די תורה הק' אז נאר דורך לימוד תורה דאס האט אונז געהאלטן אלע יארן, און אויך שטייט (ירמיה לג כה) כֹּה אָמַר ה' אִם לֹא בְרִיתִי יוֹמָם וָלָיְלָה חֻקּוֹת שָׁמַיִם וָאָרֶץ לֹא שָׂמְתִּי: זאגט רבי אלעזר (נדרים דף לב.) גדולה תורה, שאילמלא תורה לא נתקיימו שמים וארץ, אן די תורה איז נישטא די וועלט חלילה. (שמח זבולון תשע"ז)

**דאס האט אונז געהאלטן**

וְהִיא שֶׁעָמְדָה לַאֲבוֹתֵינוּ וְלָנוּ שֶׁלֹּא אֶחָד בִּלְבָד עָמַד עָלֵינוּ לְכַלּוֹתֵנוּ: דארף מען פארשטיין אז עס שטייט וְהִיא שֶׁעָמְדָה לַאֲבוֹתֵינוּ אז דאס האט אונז געהאלטן אין אלע דורות, איז ווי קען זיין דער המשך שֶׁלֹּא אֶחָד בִּלְבָד עָמַד עָלֵינוּ, ווייל אסאך זענען אויפגעשטאנען קעגן אונז איז די סיבה אז מיר וואלטן געדארפט פאלן אין זייערע הענט? נאר מען קען זאגן אז אחד איז מרומז אויף אחדות, דאס מיינט אויב די פעלקער וואס זענען געקומען אויף אונז וואלטן געווען באחדות וואלט געווען א בראך, אבער ווייל "שלא אחד" זיי זענען נישט באחדות, וְהִיא דאס האט אונז געהאלטן. (אמרי נועם דזיקוב)

**דער קשר והיא שעמדה מיט פריערט**

וְהִיא שֶׁעָמְדָה לַאֲבוֹתֵינוּ וְלָנוּ: מען קען מסביר זיין דער והיא לויט וואס דער הייליגער חיד"א טייטשט הוֹדוּ לַה' כִּי טוֹב כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ: אויב א מענטש דאנקט דער אויבערשטער אויף א נס וואס עס איז געשען מיט אים וועט דער אויבערשטער טאן מיט איהם נאך נסים. דאס מיינט הוֹדוּ לַה' כִּי טוֹב, ווען דאנקן ה' פארן גוטס וואס ער האט דיר געטוהן, וועט זיין כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ, ער וועט אייביג טאן פאר דיר חסדים און ישועות עכ"ד החיד"א. יעצט אין די הגדה זאגן מיר אסאך מאל אז מיר לויבן און דאנקען ה', ברוך המקום, ברוך הוא, ברוך שנתן תורה וכו', ברוך הוא, ברוך שומר הבטחתו לישראל ברוך הוא און מיר דאנקן ה' פאר די גוטס וואס ער

טוט פאר אונז, ממילא והיא דאס וואס מיר לויבן ה׳ וואס ער האט געטוהן פאר אונז ביז יעצט, איז שעמדה לאבותינו ולנו, דאס איז פאר אונז געשטאנען אין אלע דורות אז ה׳ זאל ווייטער טוהן מיט אונז חסדים און ראטעווען פון די גוים.
(בני ר׳ יוסף הלוי קליטניק נ"י)

וְהִיא שֶׁעָמְדָה אדער הִיא שֶׁעָמְדָה.
דארף מען פארשטיין וואס איז די זאך וואס שטייט פריערט אין די הגדה אז מען זאגט וְהִיא שֶׁעָמְדָה, אז די זאך האט אונז געהאלטן אין אונזער גלות אויך? ווייל די הבטחה צו אברהם וְאַחֲרֵי כֵן יֵצְאוּ בִּרְכֻשׁ גָּדוֹל, איז נאר געווען אויף יציאת מצרים, אבער וואס האט דאס מיט שפעטער? דעריבער וועגן דעם שטייט אין ספר שבלי הלקט-א ראשון- בשם זיין ברודער ר׳ בנימין, אז די הבטחה פאר אברהם איז אויך געווען אויף אלע שפעטערדיגע גליות, און ער ברענגט א ראי׳ פון מדרש (בראשית רבה פמ"ד יט) אימה זו בבל, חשכה זו מדי, גדולה זו יון, נופלת עליו זו אדום, און אויך די גאולה אחרונה, אז ביי אלע גאולות וועט זיין דָּן אָנֹכִי, וְאַחֲרֵי כֵן יֵצְאוּ בִּרְכֻשׁ גָּדוֹל, דעריבער איז גוט די לשון וְהִיא שֶׁעָמְדָה, וואס גייט ארויף אויף פריערט רְכֻשׁ גָּדוֹל, **אבער די הייליגע רמב"ם איז גורס הִיא** שֶׁעָמְדָה, און אזוי אויך נאך ראשונים, און די שטיקל וְהִיא שֶׁעָמְדָה גייט ארויף אויף בָּרוּךְ שׁוֹמֵר הַבְטָחָתוֹ לְיִשְׂרָאֵל, אז דאס וואס דער אויבערשטער היט זיין הבטחות אויף זיינע קינדער, דאס האלט די אידן אין אלע גליות. אויך איז **דער גירסת פון הרשב"א הִיא** שֶׁעָמְדָה, ווייל ער פרעגט א קשיא: אויף וועמען גייט ארויף שֶׁלֹּא "אֶחָד" בִּלְבָד עָמַד עָלֵינוּ לְכַלּוֹתֵנוּ? ווייל אויב עס מיינט פרעה, קען דאס נישט זיין, ווייל פרעה האט נישט געוואלט הרגענען די אידן, ער האט נאר געוואלט מען זאל ארבעטן פאר אים? דעריבער מוז מען זאגן אז דער "אֶחָד" איז לבן, ממילא האלט דער רשב"א אז הִיא שֶׁעָמְדָה איז טאקע די אנפאנג פון די הגדה, און דעריבער שטייט גלייך נאכדעם **צֵא** וּלְמַד וואס לָבָן האט געוואלט טאן צו יעקב **וא"ש.** (שמח זבולון תש"פ)

וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַצִּילֵנוּ מִיָּדָם. לכאורה וואס איז די לשון מִיָּדָם? עס האט געקענט שטיין והקב"ה מצילנו. נאר די פשט איז, אז מען זעט אז דוקא די ישועה פאר כלל ישראל איז ארויס געשפראצט דורך די הענט פון די שונאים. משה רבינו האט זיך געהאדעוועט אין די הויז פון פרעה, און דערנאך האט ער אויסגעלייזט די אידן. המן הרשע האט געגעבן די עצה פאר אחשורוש צו הארגענ׳ן ושתי און דערנאך איז אסתר געווארן מלכה, און דורך דעם איז געווען א ישועה פאר כלל ישראל. איז דאס מיינט מַצִּילֵנוּ מִיָּדָם די ישועות מאכט דער אויבערשטער זאל גיין דוקא דורך די הענט – מִיָּדָם – פון די שונאים. (גבול בנימין)

## געטייטשט ביים סדר - לְכַלּוֹתֵינוּ - צו בעטן פאר אונז

ביים סדר פון הייליגן בית אהרן פון קארלין האט ער זיך צו שמייכלט, צום וואונדער פון אלע חסידים, האט זיין זון הרה"ק ר׳ אשר דער יונגער רבי זיע"א געפרעגט דער סיבה פון דעם, האט ער געזאגט אז ער האט געזען ווי יענער דארף׳ס איד טייטש וְהִיא שֶׁעָמְדָה: איז ר׳ אשר, דער יונגער רבי, געגאנגען דארט און געפרעגט דעם איד ווי אזוי האסטו געטייטש וְהִיא שֶׁעָמְדָה? און דער איד איז געווארן דערשראקן, ווייל ווער ווייסט וואס ער האט דא אָפּעטאן! זאגט אים דער רבי: שרעק זיך נישט, און דער איד זאגט אז ער האט געטייטשט



ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק פסח תשפ"ה pardesyehuda1@gmail.com "עולם הספרים"

וְהִיא: מיינט מען די צדיקים, שֶׁעָמְדָה לַאֲבוֹתֵינוּ וְלָנוּ. זיי האבן אונז און אונזערע עלטערן געהאלפן, שֶׁלֹּא אֶחָד בִּלְבָד - עמד עלינו – נישט נאר איין צדיק האט אונז אונטערגעהאלטן – לְכַלּוֹתֵנוּ - צו בעטן פאר אונז, [פון דעם לשון ויחל משה], אֶלָּא שֶׁבְּכָל דּוֹר וָדוֹר עוֹמְדִים עָלֵינוּ לְכַלּוֹתֵנוּ, די צדיקים בעטן פאר אונז אין אלע דורות. פרעגט אים ר' אשר ווי אזוי האסטו געטייטש וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַצִּילֵנוּ מִיָּדָם? בלייבט דער איד שטיין, און זאגט איך האב נישט געטראכט פון דעם! האט אויסגעפיהרט דער יונגער רבי וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַצִּילֵנוּ מִיָּדָם. אז דער אויבעשטער זאל אונז העלפן אז מען זאל נישט דארפן אנקומען צו די צדיקים. נאר אויף גוטע זאכן.

**א שיינע רמז אויף וואס איז "וְהִיא שֶׁעָמְדָה"**

דער מדרש איז מסביר די פסוק ה' אַל בְּאַפְּךָ תוֹכִיחֵנִי (תהלים ו ב) מיט א משל פון א קעניג וואס איז געווארן אין כעס אויף זיין זון, איז דארט געווען א גרויסע שטיין האט דער קעניג געמאכט א שבועה אז ער גייט דאס ווארפן אויף זיין זון, נאכן זיך בארוהיגן, און א שבועה פון קעניג קען מען נישט מבטל זיין, האט ער צומאלען דעם שטיין אויף גאר קליינע שטיקלאך און דאס געווארפן אויף זיין זון, איז זיין זון געבליבן לעבן, און האט נישט מבטל זיין די שבועה, דאס מיינט אַל בְּאַפְּךָ תוֹכִיחֵנִי שטראף אונז נישט אין איין מאל נאר צושפריט די עונש עכ"ד המדרש לפי"ז איז מסביר די דובנא מגיד דעם פסוק וּבְיוֹם פָּקְדִי וּפָקַדְתִּי עֲלֵהֶם חַטָּאתָם: (שמות לב לד) לויט וואס די גמ' (סנהדרין ק"ב ע"א) זאגט אז אלע פּוּרְעָנוּת וואס קומט אויף די וועלט איז אין דעם אויך א חלק עונש אויפן עֵגֶל הָרִאשׁוֹן, און רש"י זאגט וּבְיוֹם פָּקְדִי, ווען איך וועל אייך געבן א עונש דעמאלט "וּפָקַדְתִּי עֲלֵיהֶם" וועט א ביסל פון די עונש זיין וועגן חטא העגל. איז מסביר דער **דובנא מגיד** לפי דער מדרש האט דער אויבערשטער צוטיילט די עונש פון חטא העגל אויף קלענערע עונשים אז כלל ישראל זאל דאס קענען דערהאלטן ע"כ, דאס איז דער רמז וְהִיא וואס דער אויבערשטער האט צוטיילט די שטראף פון עגל, שֶׁעָמְדָה לַאֲבוֹתֵינוּ וְלָנוּ האט אונז דערהאלטן, ווייל שֶׁלֹּא אֶחָד בִּלְבָד עָמַד עָלֵינוּ לְכַלּוֹתֵנוּ ער האט נישט מעניש געווען מיט איינמאל, אֶלָּא שֶׁבְּכָל דּוֹר וָדוֹר עוֹמְדִים עָלֵינוּ לְכַלּוֹתֵנוּ, אין יעדן דור צוטיילט ער דער עונש, און דורכדעם וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַצִּילֵנוּ מִיָּדָם. (מגד מגדים ווייס ח"ג סאטמאר תרצ"א)

צֵא וּלְמַד מַה בִּקֵּשׁ לָבָן הָאֲרַמִּי לַעֲשׂוֹת לְיַעֲקֹב אָבִינוּ. שֶׁפַּרְעֹה לֹא גָזַר אֶלָּא עַל הַזְּכָרִים וְלָבָן בִּקֵּשׁ לַעֲקוֹר אֶת הַכֹּל שֶׁנֶּאֱמַר: אֲרַמִּי אֹבֵד אָבִי, וַיֵּרֶד מִצְרַיְמָה וַיָּגָר שָׁם בִּמְתֵי מְעָט, וַיְהִי שָׁם לְגוֹי גָּדוֹל, עָצוּם וָרָב.

דארף מען פארשטיין דעם ענין לָבָן בִּקֵּשׁ לַעֲקוֹר אֶת הַכֹּל, און וואס איז דער ראי' פון אֲרַמִּי אֹבֵד אָבִי? נאר מען קען זאגן אז דער איינציגסטער זאך וואס האלט כלל ישראל אין אלע דורות אין אלע פארשידינע מצבים, איז די מסורה, וואס מיר האבן פון אונזערע עלטערן ביז מתן תורה, אבער די משכילים זאגן, אונזערע עלטערן זענען געווען אַלט מָאדיש און היינט איז א נייע וועלט, און אזוי זענען זיי אינגאנצן אוועק געריסן פון אידישקייט, זעהט מען די וויכטיגקייט פון מסורה. קען אויך זיין פשט דא: וְלָבָן בִּקֵּשׁ לַעֲקוֹר אֶת הַכֹּל: ווי אזוי וואלט ער דאס געטאן, שטייט אין פסוק: אֲרַמִּי אֹבֵד אָבִי ער האט געוואלט מאכן פארגעסן די מסורה פון טאט'ן,



ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק פסח תשפ"ה pardesyehuda1@gmail.com "עולם הספרים"

און זאגן היינט איז א נייער וועלט. (שמח זבולון)

## וַיֵּרֶד מִצְרַיְמָה, אָנוּס עַל פִּי הַדִּבּוּר. וַיָּגָר שָׁם, מְלַמֵּד שֶׁלֹּא יָרַד יַעֲקֹב אָבִינוּ לְהִשְׁתַּקֵּעַ בְּמִצְרַיִם אֶלָּא לָגוּר שָׁם:

צו פארשטיין וואס איז דער ענין פון ירידה? און פארוואס איז ער געווען געצוואונגען און נישט געגאנגען פון זיין אייגענעם רצון? נאר דעם ירידה איז געווען פאר יעקב א שטארקע ירידה אריינגיין אין אזא ארץ טמאה, נאר וועגן רצון הבורא עפ"י הדיבור. און דעריבער איז געווען נאר לָגוּר שָׁם און נישט לְהִשְׁתַּקֵּעַ. (באר שמואל אב"ד אונסדארף)

וַיֵּרֶד מִצְרַיְמָה - אָנוּס עַל פִּי הַדִּבּוּר. אין (שו"ת חת"ם סופר יו"ד סי' רלג) ברענגט א מעשה פון הגה"ק ר' עַמְרָם חֲסִידָא ווען ער איז געווען אב"ד מַאדְע, איינמאל האט ער געדארפט פארן צו א בעה"ב מסדר קידושין זיין און ער האט נישט געטראפן וואסער איז ער געגאנגען זוכן, א ניאולאג וואס איז געווען א לעהרער ביי יענע בעה"ב האט זיך אנגעטשעפעט און געוואלט רעדן מיטן רב, און דער רב האט זיך אויסגעדרייט ביז יענער האט געפרעגט צו דער רב זוכט וואסער? האט דער רב געענטפערט יא, און דער רב האט געפילט ווי ער פאלט פון זיין מדריגות ע"כ, דאס מיינט וַיֵּרֶד מִצְרַיְמָה, מען קען פאלן פון מדריגות אפילו אָנוּס מען ווערט

געצוואונגען עַל פִּי הַדִּבּוּר רעדן מיט א רשע. (הגדה ערבי פסחים ר' עמרם בלוהם) לויט דעם קען מען זאגן וואס שטייט הוּא אַהֲרֹן וּמֹשֶׁה אֲשֶׁר אָמַר ה' לָהֶם הוֹצִיאוּ אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם עַל צִבְאֹתָם: הֵם הַמְדַבְּרִים אֶל פַּרְעֹה מֶלֶךְ מִצְרַיִם לְהוֹצִיא אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרָיִם הוּא מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן: (שמות ו כו כז) פארוואס דארף שטיין הֵם הַמְדַבְּרִים? נאר דאס איז דער חידוש אפילו די צוויי האבן גערעדט מיט פרעה א לאנגע שמועס זענען זיי געבליבן אין די זעלבע מדריגה. (ספר גי ינשא אב"ד שאמשאן זצ"ל) לפי"ז איז גוט פארוואס די תורה חזרט איבער הוּא מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן? צו זאגן אז זיי זענען געבליבן במדריגות מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן, און דאס קען זיין וַיֹּאמֶר בִּי אֲדֹנָי שְׁלַח נָא בְּיַד תִּשְׁלָח: (ה יב) פארוואס משה האט אין אנפאנג נישט געוואלט גיין זאגן פרעה? נאר ווייל ער איז געווען א עניו און האט מורא געהאט צו רעדן מיט פרעה, און אפילו דער אויבערשטער האט געזאגט וְעַתָּה לֵךְ וְאָנֹכִי אֶהְיֶה עִם פִּיךָ וְהוֹרֵיתִיךָ אֲשֶׁר תְּדַבֵּר: (פסוק יג) און איך וועל דיר היטן האט ער נישט געוואלט גיין, און דאס האט גורם געווען אז ער האט פארלוירן די כהונה צו אהרן. (שמח זבולון תשפ"ד)

## וַיּוֹצִאֵנוּ ה' מִמִּצְרַיִם לֹא עַל יְדֵי מַלְאָךְ, וְלֹא עַל יְדֵי שָׂרָף, וְלֹא עַל יְדֵי שָׁלִיחַ, אֶלָּא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּכְבוֹדוֹ וּבְעַצְמוֹ, שֶׁנֶּאֱמַר: וְעָבַרְתִּי בְאֶרֶץ מִצְרַיִם בַּלַּיְלָה הַזֶּה, וְהִכֵּיתִי כָל בְּכוֹר בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם מֵאָדָם וְעַד בְּהֵמָה, וּבְכָל אֱלֹהֵי מִצְרַיִם אֶעֱשֶׂה שְׁפָטִים. אֲנִי ה'.

**וואס איז די שינוי לשונות** מלאך, שרף און שליח? נאר עס שטייט אין זוהר הק' פ' שמות עס זענען דא מלאכים וואס זייער שליחות איז פאר דין און רחמים, און עס איז דא מלאכים וואס זייער תפקיד איז נאר דין און עס

איז דא מלאכים וואס זייער תפקיד איז נאר רחמים אויף לטובה, דער חילוק איז אז דער נאמען מלאך איז פאר דין און רחמים אזוי ווי עס שטייט (במדבר כ טו) וַיִּשְׁלַח מַלְאָךְ וַיֹּצִאֵנוּ מִמִּצְרָיִם. און אויך פארקערט ביי סדום (בראשית

יט א) שטייט וַיָּבֹאוּ שְׁנֵי הַמַּלְאָכִים סְדֹמָה, וואס איז געווען לדין צו איבערקערן סדום, דאס איז א מלאך. דער שרף איז א מלאך וואס אזוי ווי עס מיינט פארברענען, צו שטראפן און דין, און דער מלאך וואס הייסט שליח ער איז אויף צו טאן גוטס ווייל שליח של אדם כמותו און ביי דעם אויבערשטן איז אלעס לטובה ממילא איז זיין מלאך שליח אויך לטובה, הייסט דער מלאך א שליח. דאס זאגט די בעל הגדה, ביים ארויסנעמען די אידן פון מצרים וואלט מען געקענט שיקן א מלאך וואס דא איז געווען א שלעכט פאר מצרים און גוט פאר די אידן פון דעסטוועגן וַיּוֹצִאֵנוּ יְיָ מִמִּצְרַיִם לֹא עַל יְדֵי מַלְאָךְ. נאכדעם שטייט וְהִכֵּיתִי כָל בְּכוֹר בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם וואס דאס איז דין וואלט איך געקענט שיקן א שרף פונדעסוועגן שטייט וְהִכֵּיתִי וְלֹא עַל יְדֵי שָׂרָף, און נאכדעם שטייט וּבְכָל אֱלֹהֵי מִצְרַיִם אֶעֱשֶׂה שְׁפָטִים, וואס דאס איז א טובה פאר כלל ישראל צו מכניע זיין די געטשקעס פון מצרים פון דעסטוועגן אֶעֱשֶׂה שְׁפָטִים. אֲנִי יְיָ, איך שיק נישט קיין שליח נאר אלעס וועל איך אליין טאן.
(הגדה ריח דודאים מייזליש)

**וַיּוֹצִאֵנוּ ה׳ מִמִּצְרַיִם לֹא עַל יְדֵי מַלְאָךְ:** שטייט פון די הייליגער אריז״ל, אז דער טעם פארוואס דער אויבערשטער האט אליין געמוזט ארויס נעמען די אידן פון מצרים און נישט דורך א מלאך, ווייל די טומאת מצרים איז געווען אזוי גרויס און שטארק וואלט אפילו א מלאך זיך געקענט שטרויכעלן אין די טומאה ע״כ דברי האריז״ל. מען קען אויך זאגן נאך א טעם פארוואס דער אויבערשטער האט נישט געקענט שיקן א מלאך ווייל מיר ווייסן אז א מלאך קען נישט טאן צוויי שליחות, און מיר ווייסן אז די מכות פון מִצְרַיִם איז געווען א בחינה פון נגוף ורפוא: דאס מיינט שְׁטְרָאף פאר מִצְרַיִם און רפואה פאר די אידן, איז דעריבער האט מען נישט געקענט שיקן א מלאך. ווייל ער קען נישט טאן צוויי שליחות. (הרה״ק ר׳ משה מקאזניץ)

**וְעָבַרְתִּי בְאֶרֶץ מִצְרַיִם בַּלַּיְלָה הַזֶּה – אֲנִי וְלֹא מַלְאָךְ:** [די מעשה פון הקב״ה איז לכל הדורות אבער דורך א שליח שליח איז דאס מוגבל לפי השליח] פארוואס איז געווען די גאולה דורך די אויבערשטער און נישט דורך א שליח? נאר א מעשה וואס איז געמאכט דורך א שליח איז די מעלה נאר ווי חשוב די שליח איז, אויב אזוי אויך די גאולה, וואלט געקענט קומען דורך משה רבינו ווייל ער איז זייער חשוב! אבער דורך א שליח וואלט נאר געקענט אויפטאן פאר יענע צייט און פלאץ, אבער די מעשים פון אויבערשטן איז אויף נצחיות, ווייל דער אויבערשטער איז מחיה די גאנצע בריאה און ער איז למעלה מן הזמן. דאס זאגט די הגדה "וְאִלּוּ לֹא הוֹצִיא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת אֲבוֹתֵינוּ מִמִּצְרַיִם, הֲרֵי אָנוּ וּבָנֵינוּ וּבְנֵי בָנֵינוּ מְשֻׁעְבָּדִים הָיִינוּ לְפַרְעֹה בְּמִצְרָיִם" ווען נישט וואס דער אויבערשטער וואלט אונז אליין ארויסגענומען נאר אונז אויס געלייזט דורך א שליח וואלטן מיר נאך געווען משועבד צו פרעה אזוי די מהר״ל שרייבט, ווייל די גאולה פון א שליח וואלט געווען נאר פאר דעמאלטס און נישט אויף אייביג. דאס זאגט דער פסוק (שמות כ׳ ב׳) "אָנֹכִי ה׳ אֱלֹקֶיךָ אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם מִבֵּית עֲבָדִים" אזוי ווי דער אויבערשטער לעבט אויף אייביג אזוי איז די יציאה אויך אויף אייביג. דאס זאגט דער פסוק (תהלים קלו ד) "לְעֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְּדֹלוֹת לְבַדּוֹ כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ." ווייל דאס וואס דער אויבערשטער טוט אליין דאס האט א קיום, לעולם חסדו. (הבינינו תורתך) דער זעלבע בחינה האבן מיר געברענגט פריערט פון הייליגן שפת אמת. אויף עֲבָדִים הָיִינוּ לְפַרְעֹה.

**פארוואס שטייט נישט וַיָּרֵעוּ לָנוּ?**

וַיָּרֵעוּ אֹתָנוּ הַמִּצְרִים – כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר: הָבָה נִתְחַכְּמָה לוֹ פֶּן יִרְבֶּה: פרעגט דער הגדה גבולות בנימין (הגאון ר' בנימין בהר"ר חיים ראפפורט תקמ"ט) אז עס וואלט געדארפט שטיין וַיָּרֵעוּ "לָנוּ" הַמִּצְרִים, ער האט אונז געפייניגט, נישט אֹתָנוּ, מיט אונז? אויך איז שווער פארוואס ברענגט מען דוקא דעם פסוק פון הָבָה נִתְחַכְּמָה לוֹ, וואס דא שטייט אז די מצריים האבן נאר געטראכט צו טאן שלעכט פאר די אידן, און מען האט נישט געברענגט גענוג פסוקים פון די תורה וואס שטייט קלאר אז די מצריים האבן געפייניגט די אידן? נאר דער לשון פון וַיָּרֵעוּ איז אויך טייטש פון ריעות, פריינדשאפ, [אהבה ואחוה שלום וריעות] דאס מיינט אז די מצריים האבן געוואוסט אז מען וועט גלייך גיין שטרענג מיט די אידן וועלן זיי זיך נישט לאזן, דעריבער האבן די מצריים געמאכט אז זיי זענען פריינדלאך צו די אידן, דאס מיינט אֹתָנוּ, זיי האבן געזאגט מיר זענען גוטע פריינד, אבער בשעת מעשה האבן זיי געטראכט עצות ווי צו פייניגן די אידן, און אזוי זיי אריינכאפן אין די שווערע ארבעט, און דאס איז טאקע די ראי' פון פסוק הָבָה נִתְחַכְּמָה לוֹ, וואס די מצריים האבן שוין געטראכט עצות. (תיקון משה- הגאון ר' משה סג"ל פאללאק אב"ד בנהארט תרכ"ט)

רַבִּי יוֹסֵי הַגְּלִילִי אוֹמֵר: מִנַּיִן אַתָּה אוֹמֵר שֶׁלָּקוּ הַמִּצְרִים בְּמִצְרַיִם עֶשֶׂר מַכּוֹת וְעַל הַיָּם לָקוּ חֲמִשִּׁים מַכּוֹת? בְּמִצְרַיִם מָה הוּא אוֹמֵר? וַיֹּאמְרוּ הַחַרְטֻמִּים אֶל פַּרְעֹה: אֶצְבַּע אֱלֹקִים הִוא

וואס איז דער ענין פון אֶצְבַּע? נאר מיר טרעפן אז נאר ביי פיר מכות איז פרעה נתפעל געווארן פון זיי און געבעטן משה ער זאל מתפלל זיין זיי זאלן אוועקגיין פון אים, נאר ווייל זיין תשובה איז נישט געווען א תשובה שלימה איז נישט געבליבן ביי אים די תשובה: ביי צפרדע, ערוב, ברד, ארבה. און די ר"ת פון זיי איז אצב"ע, און דאס מיינט אֶצְבַּע די פיר מכות, אֱלֹקִים הִוא, האט דער אויבערשטער אים געגעבן ער זאל תשובה טאן מיטן אמת אבער ער האט נישט דעריבער האט ער באקומען זיין מפלה. (הגדה ריח דודאים מייזליש)

חֲסַל סִדּוּר פֶּסַח כְּהִלְכָתוֹ,כְּכָל מִשְׁפָּטוֹ וְחֻקָּתוֹ. כַּאֲשֶׁר זָכִינוּ לְסַדֵּר אוֹתוֹ כֵּן נִזְכֶּה לַעֲשׂוֹתוֹ. וז"ל הבית אהרן מקארלין: למה אנו אומרים על הסדר של פסח חֲסַל ואין אנו אומרים חֲסַל על כל מצות אחרות, כי הנה שמעתי מא"א אדמו"ר זצ"ל – הרה"ק ר' אשר מסטאלין זיע"א- שמטעם זה נקרא סיפור הגדה סדר, כי זהו סֵדֶר על כל השנה. כי כל המצות תלוים ביצ"מ. ובקבלת התורה נאמר ג"כ אשר הוצאתיך מארץ מצרים כי אז היה גלוי אלקותו יתברך וזהו סדר בכל העלמות.

## פלפולי דאגדתא

די וועלט פרעגט פארוואס שטייט נישט דערמאנט משה רבינו אין די הגדה? בפשטות וואלט מען געזאגט אז עס שטייט יא: " ויאמינו בה' ובמשה עבדו" אבער דאס איז נישט קיין תירוץ ווייל דער עיקר שטייט "את הי"ד הגדולה" צו ווייזן דעם חילוק פון יַ"ד און אֶצְבַּע, דעריבער ענדיגט מען די פסוק. אין די אלטע הגדות שטייט דאס נישט. די גדולי עולם האבן אלע געהאט שווער דעם קשיא און געענטפערט תירוצים, דער אור החיים אין ראשון לציון, דער ווילנא גאון און אזוי ווייטער ביז גדולי זמנינו. די כלי חמדה האט אן אריכות און צום סוף זאגט ער: ווי באלד עס שטייט ויוציאנו ה' אלקינו לא על ידי מלאך ולא על ידי שרף כי אם הקב"ה בעצמו, וועגן דעם שטייט נישט אז משה רבינו האט אונז ארויס גענומען אפילו ער איז די עיקר שליח אבער דער גואל איז געווען הקב"ה בעצמו, הר' אלכסנדר קנאפפלער שליט"א האט

מיר געענטפערט ווייל עס איז דא א דעה אז משה רבינו האט געשריבן די נוסח פון הגדה און פון זיין גרויסע עניוות האט ער נישט געשריבן די הגדה אזוי ווי דער חפץ חיים און נאך. עס איז דא א רמז אין די גמרא (סוטה דף יג:) וימת שם משה ספרא רבה דישראל איז די ר"ת סד"ר.

**א שטארקע קשיא אויפן רמב"ם הלכות חמץ ומצה** (פרק ז׳ הלכה ב) וואס שרייבט וז"ל: מצוה להודיע לבנים ואפילו לא שאלו שנאמר והגדת לבנך לפי דעתו של בן אביו מלמדו כיצד אם היה קטן או טיפש אומר לו בני כולנו היינו עבדים כמו שפחה זו או כמו עבד זה במצרים ובלילה הזה פדה אותנו הקב"ה ויוציאנו לחירות ואם היה הבן גדול וחכם מודיעו מה שאירע לנו במצרים ונסים שנעשו לנו ע"י משה רבינו הכל לפי דעתו של בן עכ"ל. לכאורה דארף מען פארשטיין ווייל די נסים האט דער אויבערשטער דאס געמאכט און נישט משה רבינו וצ"ע?

**דרוש נחמד בענין מצה פרוסה וגאולת מצרים**

הָא לַחְמָא עַנְיָא: למה נקרא שמו לחם עוני מפני שעונין עליו דברים הרבה (פסחים לו) צו פארשטיין דעם עונין עליו וכו׳, אויך פארוואס דארף מען נעמען א פרוסה פאר די מצוה? און וואס איז דער רמז אז מען דארף נעמען מצה וואס איז נישט קיין פארטיגע זאך? נאר מען קען זאגן דער ענין איז אז דער גאולה פון מצרים איז נישט געווען א גאולה שלימה, ווייל מען האט די אידן נישט אויסגעלייזט אין זייער זכות נאר ווייל זיי וואלטן חלילה אריין אין נ׳ שערי טומאה דעריבער איז געווען בחפזון מען האט זיי גיאגט ארויסגיין פון מצרים, דעריבער איז די רמז פון מצה אז מען האט געיאגט און זיי האבן נישט געהאט צייט עס זאל פארטיג ווערן, ווייל אויב זיי וואלטן געווארט עס זאל ווערן חמץ וואלטן די אידן קיינמאל נישט געקענט אויסגעלייזט ווערן, און עס שטייט אויב די אידן וואלטן געקענט בלייבן די גאנצע צייט און נישט פאלן אזוי טיף אין טומאה, וואלט שוין מער נישט געדארפט זיין גלות פאר כלל ישראל, קומט אויס דאס מיינט לחם עוני מפני שעונין עליו דברים הרבה אז מען דערציילט מיטן מצה, עס איז א מצוה מיט א פרוסה, ווייל די גאולה איז נישט געווען א גאנצע, ווייל מען וועט נאך דארפן גיין אין גלות, און מען עסט אויך מצה צו ווייזן אז די גאולה איז געווען בחפזון מצד דעם חסרון פון כלל ישראל און נישט פון זייער מעלה, נאר א טובה פאר זייער נשמה, דעריבער זאגט מען גלייך אין אנפאנג פון די הגדה: הָא לַחְמָא עַנְיָא דִי אֲכָלוּ אַבְהָתָנָא בְּאַרְעָא דְמִצְרָיִם, וואס דאס איז געווען כל דכפין, מען האט נישט געהאט קיין ברירה און געמוזט ארויסגיין, אבער מיר ווילן תשובה טאן, וועט שוין זיין לְשָׁנָה הַבָּאָה בְּאַרְעָא דְיִשְׂרָאֵל. מיט דעם איז גוט וואס מען זאגט רַבָּן גַּמְלִיאֵל הָיָה אוֹמֵר: כָּל שֶׁלֹּא אָמַר שְׁלֹשָׁה דְבָרִים אֵלּוּ בַּפֶּסַח, לֹא יָצָא יְדֵי חוֹבָתוֹ, וְאֵלּוּ הֵן: פֶּסַח, מַצָּה, וּמָרוֹר, און די אלע דריי זאכן דערמאנען אונז אז די גאולה איז געווען פארן צייט, דעריבער זאגט מען פֶּסַח עַל שׁוּם שֶׁפָּסַח הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עַל בָּתֵּי אֲבוֹתֵינוּ בְּמִצְרַיִם וואס עס איז באמת נישט קיין כבוד אז בְּנָגְפּוֹ אֶת מִצְרַיִם, וְאֶת בָּתֵּינוּ הִצִּיל, נאר עס האט געמוזט אזוי זיין, און מַצָּה ווייל אזוי האט געמוזט זיין, און מָרוֹר ווייל וַיְמָרְרוּ אֶת חַיֵּיהֶם בַּעֲבֹדָה קָשָׁה, און דאס איז געווען א טובה אז אין זכות פון דעם שווערן שיעבוד האט מען געקענט ארויסגיין פארן צייט, דאס שטייט אין די הגדה רַבָּן גַּמְלִיאֵל הָיָה אוֹמֵר, ער פלעגט שטענדיג דערמאנען די סיבה פון אונזער גלות, איז נאר ווייל די אידן זענען ארויס צוליב די טומאה, דעריבער איז ער מעורר אז מען זאל תשובה טאן און עס וועט זיין וּפְדוּיֵי ה׳ יְשֻׁבוּן

וּבָאוּ צִיּוֹן בְּרִנָּה אמן. (באר שמואל אונסדארף)

הנס. (שמח זבולון תשפ"ד)

## ענייני פסח בהלכה ועל ההגדה

## א ווינקל אין א מנהג און הלכה – פסח:

## שואלין ודורשין בהלכות הפסח

שטייט אין די גמ' (פסחים דף ו ע"א) שואלין ודורשין בהלכות הפסח קודם הפסח שלושים יום. איז משמע אז מען דארף שוין לערנען הל' פסח דרייסיג טעג פאר פסח. רשב"ג אומר: שתי שבתות. ער האלט צוויי וואכן איז גענוג. איז לכאורה שווער וואס אין גמ' (מגילה דף ד און דף לב) שטייט "משה תיקן להם לישראל שיהיו שואלין ודורשין הלכות פסח בפסח, הלכות עצרת בעצרת, הלכות חג בחג", זעט מען הלכות פסח "בפסח" אז נאר אין יו"ט אליין דארף זיין שואלין ודורשין און נישט דרייסיג טעג אדער צוויי וואכן פאר יו"ט, איז לכאורה א סתירה? נאר מען קען זאגן: אז יעדער יו"ט אליין דארף מען עוסק זיין אין זיינע הלכות כדי צו וויסן ווי זיך צו פירן, הלכות "חג בחג", קומט די גמ' ביי יו"ט פסח וואס האט חוץ די הלכות, איז אויך די הגדה וואס שבועות און סוכות האבן דאס נישט, און חז"ל ווילן אז מען זאל קומען צום סדר שוין אנגעגרייט מיט סיפור יציאת מצרים מיט די מדרשים און שיינע פשטים אויף די הגדה וואס דאס שאפט א נחת רוח אין הימל, און מען זאל דאנקען פאר די גרויסע נסים, דעריבער דארף מען א חודש אדער לכה"פ צוויי וואכן. מען וואלט געקענט מדייק זיין אז ביי שלשים יום שטייט "בהלכות" וואס מיינט הלכות און סיפור יציאת מצרים, וואס דאס איז לאפוקי הלכות וואס מיינט דוקא הלכות אין חג אליין, לפי דברינו אז ווען מען דארף דערמאנען די נסים זאל מען אנגרייטן פאר דעם יו"ט, איז גוט וואס שטייט אין די פוסקים, אז שואלין ודורשין איז ביי חנוכה און פורים. ווייל מען אויך אנגרייטן פאר חנוכה די גמ' שבת, און פאר פורים דעם פירוש המגילה און דער גודל

## א ווינקל אין א מנהג און הלכה – פסח:

## וואס טוט מען מיט די אַפִיקוֹמָן?

## לייגן די מצה פון אַפִיקוֹמָן אויף די אקסלען פארן סֵדֶר

שטייט אין שו"ע (או"ח סי' תע"ג ס"ו) ויקח מצה האמצעית ויבצענה לשתים –מען צוברעכט דאס אויף צוויי–ויתן חציה לאחד מהמסובין לשומרה לאַפִיקוֹמָן –מען גיט איין האלב פאר איינעם צו היטן די אַפִיקוֹמָן– וְנוֹתְנָהּ אוֹתָהּ תַּחַת הַמַּפָּה, וחציה השניה ישים בין שתי השלימות. אינטרעסאנט צו באמערקן אז דא שטייט מען גיט די אַפִיקוֹמָן פאר איינעם דאס צו היטן, קען מען קלערן איז דאס צו היטן ווייל עס איז דא מנהגים צו גנבנען די אַפִיקוֹמָן, דעריבער היט מען דאס פון די גנבים! אדער פשוט עס זאל זיך נישט פארלירן, ווייל אַפִיקוֹמָן איז דאך א דאורייתא, און ביי א דאורייתא דארף מען מאכן גדרים און דאס שטארק היטן!

שטייט דארטן אין מגן אברהם (ס"ק כ"ב) תַּחַת הַמַּפָּה: ויש שנותנין אותם על כתפיהן זכר ליציאת מצרים. מען לייגט די אפיקומן אויפן אקסל אזוי ווי די אידן זענען ארויס אזוי פון מצרים, און אין סידור ר' יעקב עמדין אין הגדה שטייט: וז"ל ויתננו על כתפו וילך בו ד' אמות, ויאמר זֵכֶר לַאֲבוֹתֵינוּ שיצאו ממצרים וּמִשְׁאֲרֹתָם צְרֻורֹת בְּשִׂמְלֹתָם עַל שִׁכְמָם (שמות יב לד) עכ"ל. און דער כתב סופר פלעגט אזוי טאן און געזאגט פאר די בני ביתו: ככה יצאו אבותינו ממצרים, וּמִשְׁאֲרֹתָם צְרֻורֹת בְּשִׂמְלֹתָם עַל שִׁכְמָם. מיין שווער הרה"צ ר' יוסף טויסיג זצ"ל ממאטטערסדארף, האט זיך אויך געפירט אז מען האט געלייגט די מצה אויפן אקסל און די משפחה איז ארום דעם טיש און געזאגט "אזוי זענען די אידן ארויס פון מצרים מיט די מצה אויף

די אקסלען" מען דערציילט דעם **סיפור לפסח – יעצט גייט מען ארויס פון מצרים** דער סטריקובער רבי פון בני ברק מרן אדמו"ר רבי אברהם לנדא זצוק"ל האט געהערט פון זיין הייליגן טאטן הרה"ק רבי יצחק יעקב דן זי"ע- בן רבי אלימלך מנחם מנדל בן הרה"ק ר' דוב בעריש מביאלא א תלמיד און דער ממלא מקום פון ר' מנחם מענדל מווארקא זצוק"ל- דעם ערשטן יאר וואס זייער זיידע הרה"ק רבי דוב בעריש האט געפירט די הנהגה פון חסידי ווארקא, זענען געקומען אסאך חסידים אויף פסח צו זיין ביים נייעם רבין מיט א דערהויבענעם סדר, אבער ווען די חסידים זענען אנגעקומען צום סדר איז זיי שלעכט געווארן, ווייל די רביצין איז געזעצן אויף איר פלאץ, און וויפיל מען האט איר געבעטן, האט זי נישט געוואלט ארויסגיין פון צימער! האבן די חסידים געשיקט פון די זקני חסידים און איז צו געגאנגען צו איר און געפרעגט אויף איר פירונג! האט זי געענטפערט: ווי קען דאס זיין אז איך זאל נישט זיין בשעת מיין הייליגן מאן זאגט "בכל דור ודור **חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים**" וואס דעמאלטס שטעלט ער זיך אויף און נעמט די מצות און לייגט דאס אויף די אקסלען און זאגט מיט א זיסקייט: "יעצט גייט מען ארויס פון מצרים", פיל איך אויך אז איך גיי יעצט ארויס פון מצרים, און אויף דעם בין איך נישט מותר, און די חסידים האבן איר געלאזט בלייבן. דער סטריקובער רבי ר' אברהם האט די מעשה דערציילט פאר זיין ראש ישיבה, דער גרי"ז פון בריסק זצ"ל, האט זיך דער גרי"ז זייער געפריידט דאס צו הערן, און דער גרי"ז האט אויסגעפירט אז דאס איז טאקע מדוייק אין לשון הרמב"ם (הל' חמץ ומצה פ"ז ה"ו) "**בכל דור ודור "חייב אדם להראות את עצמו" כאילו הוא בעצמו יצא עתה משעבוד מצרים**" און דער לשון "חייב אדם" קומט צו זאגן אז מען דארף טאן א פְּעוּלָה צו ווייזן אז מען איז ארויס פון מצרים, און לייגן די מצות אויף די אקסלען איז א פְּעוּלָה. (שמח זבולון תשע"ט)

## א ווינקל אין א מנהג און הלכה – פסח: בענין י"ב חלות פון א צדיק לגבי חמץ

עס איז דא א אלטע שאלה: וואס ביי חסידים איז אנגענומען אז א חלה פון די י"ב חלות פון א צדיק האלט מען פאר א שמירה. שטעלט זיך די שאלה וואס טוט מען מיט פסח? ווייל מען פירט זיך אז חמץ בעין פארקויפט מען נישט! אין קובץ בית אהרן וישראל שנה י"ג ח"א דף ק"ז ברענגט מען דעם מנהג פון רבותינו מסטאלין קארלין וז"ל י"ב חלות שהיו לרבותינו הקדושים והטהורים זיע"א מי"ב חלות של צדיקים לא היו שורפים.

אין סטאלין איז געווען א אוצר פון אלטע חשובע זאכן- און דארטן איז געווען 3 חלות פון די י"ב חלות, איינס פון הרה"ק ר' יצחק מנישכיז, איינס פון הרה"ק ר' מאיר'ל מפרימישלאן, און איינס וואס דער שר שלום מבעלזא זיע"א האט געגעבן פאר הרה"ק ר' אשר מסטאלין –דער יונגער רבין–, זון פון הייליגן בית אהרן זיע"א. אגב דערציילט מען, אז במשך פון די יארן האט מען נישט געוואוסט וועלכע חלה איז געווען פון דעם שר שלום! יארן שפעטער ווען מרן אור ישראל מסטאלין האט זיך משדך געווען מיטן זון פון הייליגן צדיק ר' ישכר דוב, הרה"ק ר' שלום מאפטא, האט מען געפרעגט דעם הייליגן צדיק ר' אהרן מבעלזא זיע"א צו ער וועט וויסן וועלכע חלה איז פון זיין הייליגן זיידן? און דער בעלזא רב האט גלייך געזאגט אויף א חלה אז דאס איז פון זיידן! אין שו"ת הד"ר פון רבי יחיאל מיכל מניזנוב סי' כ"ה שרייבט פון הרה"ק מראהטין זיע"א וואס האט פארקויפט א קיכל וואס ער האט באקומען פון הרה"ק ר' אייזיק מזידיטשוב און אזוי

פירן זיך חסידים הגם מען וויל אז די חמץ זאל האבן א קיום אין פסח אבער וויבאלד ער וויל דאס נישט עסן ביז נאך פסח און מען האלט דאס נאר פאר א שמירה און א זכות, ווערט די חמץ בטל פון דעם. אין שו"ת ערוגת הבושם (או"ח סי ק"ב) איז ער דן וועגן א חלה פון הרה"ק ר' יהושע מבעלזא זיע"א און איז מצדד, מען זאל דאס פארברענען וועגן צוויי טעמים. איינס: ווייל עס איז רוצה בקיומו, ער וויל דאס האלטן ממילא איז נישט חל די מכירה. צווייטנס: ווייל דאס איז חשוב ביים מענטש און די חלה איז געלעגן על שלחן גבוה פון צדיק זאל מען זאגן דעם כלל הואיל ואיתעביד מצוה חדא נעביד בי' מצוה אחריתי (גמ' ברכות לט:), אבער דער שו"ת ויצבר יוסף פון הגאון ר' יוסף שווארץ זצ"ל, ברענגט דאס, און איז חולק אויף אים, ווייל די כלל פון הואיל, איז נאר געזאגט ביי עירוב תבשילין אדער עירוב תחומין, ווייל נאר ביי דין עירוב שטייט אין די גמרא דער כלל. דעריבער זאל יעדער פרעגן זיין רב וואס צו טאן.

## א ווינקל אין א מנהג און הלכה – פסח: ברכה על סיפור יציאת מצרים

די ראשונים פרעגן פארוואס האט מען נישט מתקן געווען א ברכה די נאכט פון פסח על סיפור יציאת מצרים? דער הייליגער רא"ש איז מעורר אז לויט דער תנא וואס האלט אז חרוסת בליל הסדר איז א מצוה דאורייתא, פארוואס מאכט מען נישט א ברכה אויף די חרוסת? און ענטפערט, די כלל פון עיקר און א טפל אז מען מאכט א ברכה אויף די עיקר און פטר'ט דער טפל, און די עיקר איז די מרור און אויף דעם מאכט מען א ברכה על אכילת מרור. דער הייליגער חת"ם סופר ברענגט יֵש מְתָרְצִין אז די ברכה פון סיפור יציאת מצרים איז שוין נכלל אין ברכת אֲשֶׁר גְּאָלָנוּ, אויף דעם פרעגט ער, פארוואס ביי אלע מצוות מאכט מען די ברכה עוֹבֵר לְעֲשִׂיָּיתָן, פאר מען טוט די מצוה, אויב אזוי פארוואס ווארט מען דא ביז אֲשֶׁר גְּאָלָנוּ וואס איז סוף פון סיפור יציאת מצרים? און ער ענטפערט לויט די גמ' ערבי פסחים (דף קט"ז ע"ב) מתחיל בִּגְנוּת ומסיים בשבח, עבדים היינו, און חייב אדם לראות עצמו כאלו הוא הי' עע"ז ועכשיו קרבנו המקום לעבודתו, ממילא אזוי ווי ביי א גר, ווען ער טובלט זיך מאכט ער די ברכה נאכן טבילה, ווייל פאר דעם קען ער נישט זאגן וְצִוָּנוּ, דאס זעלבע איז ביי סיפור יציאת מצרים, ווערן מיר נאר אויסגעלייזט שפעטער, דעריבער איז מען יוצא מיט די ברכה אֲשֶׁר גְּאָלָנוּ עכ"ד החת"ם סופר. אנדערע ווילן ענטפערן ווייל עס איז נישטא א שיעור אויף וויפיל סיפור, און אויף אזאך וואס איז נישטא א שיעור מאכט מען נישט א ברכה, אויף דעם איז שווער אז ביי תרומה איז אויך נישטא א שיעור, ווייל חִטָּה אַחַת פוטרת את כל הכרי, און מען מאכט יא א ברכה! למעשה איז דא דריי מצוות חנוכה, פורים און פסח, וואס זענען ביי זיי אינטערעסאנטע חילוקים: ביי חנוכה האט מען נישט קובע געווען מען זאל דערציילן די נסים אבער עס איז דא א ברכה שעשה נסים. ביי פורים איז דא סיי דער חיוב פון סיפור הנס מיט קריאת המגילה און סיי די ברכה שעשה נסים. און ביי פסח איז דא די חיוב מדאורייתא לספר סיפור יציאת מצרים, אבער א באזונדערע ברכה אויפן נס איז נישטא. (שמח זבולון)

## ביאור בדברי הראשונים בענין מגביהין הקערה

עס איז דא א מחלוקת הראשונים צו "הא לחמא עניא" איז א חלק פון די הגדה: דער מחזור ויטרי שרייבט, אז ווייל מען האט גערעדט אין בבל בלשון ארמית דעריבער זאגט מען הא לחמא עניא בלשון ארמית כדי די קינדער זאלן נאך דעם פרעגן מה נשתנה. די ריטב"א שרייבט, אז דער אנהייב פון הגדה איז עבדים היינו. אבער דער כל בו און ארחות חיים שרייבן אז הא לחמא איז א

חלק פון די הגדה ווייל דורך דעם לאזט מען וויסן פאר די קינדער פארוואס מען צוטיילט די מצה אויף צוויי חלקים ווייל אזוי טוט דער ארימאן.

### הגבהת הקערה או עקירת הקערה

שטייט אין די הגדה מגביהין הקערה, דער מקור פון דעם איז נישט אין א גמרא נאר די ראשונים. און אין דעם איז דא א מחלוקת אויב מגביהין הקערה, צו מען דארף אראפנעמען פון די קערה די זרוע און ביצה, ווען מען הויבט אויף די קערה, א טייל זאגן אז מען דארף זיי אראפנעמען כדי עס זאל נישט אויסזען אזוי ווי מען הויבט אויף קדשים בחוץ, אבער דער רשב"ם (פסחים ד"ף קט"ו ע"ב) ד"ה ואין, זאגט: אז וויבאלד דעם ענין פון אויפהויבן די קערה איז כדי די קינדער זאלן דערקענען א שינוי און פרעגן, איז נישטא דעם חשש פון מגביה קדשים בחוץ, און מען דארף נישט אראפנעמען די תבשילין. אבער די רשב"ם פירט אויס אז ער האלט אז מגביהין הקערה מיינט עקירת הקערה אראפנעמען די קערה פון טיש, און מען לייגט דאס אין א זייט כדי די קינדער זאלן פרעגן פארוואס נעמט מען אראפ די קערה. און די מקור פון דעם איז די גמרא (דף קט"ו) למה עוקרין את השולחן אמרי דבי רב ינאי כדי שיכירו תינוקת וישאלו. אבער קומט דער ראבי"ה און קריגט זיך אויף דער רשב"ם און זאגט אז דער גאנצע ענין פון מגביהין הקערה איז אזוי ווי ביי הגבהת הכוס, ווען מען זאגט, לפיכך אנחנו, וואס דאס איז א ענין פון שמחה, אזוי אויך איז מגביהין הקערה ביי הא לחמא אויך א ענין פון שמחה, ומהאי טעמא דארף מען נישט אראפנעמען די שני תבשילין, און ער פירט אויס, אז ווען מען זאגט לשנה הבאה בני חורין, דעמאלט'ס מאכט מען עקירת הקערה. קומט אויס אז עס זענען דא דריי שיטות אין די ראשונים: א] מען הויבט אויף די קערה, און אין דעם א מחלוקת צו מען דארף אראפנעמען די שני תבשילין. ב] מגביהין הקערה מיינט עקירת הקערה מן השולחן ביי הא לחמא. רשב"ם ג] מען טוט ביידע: ביי הא לחמא מאכט מען מגביהין און ביי לשנה הבאה בני חורין, מאכט מען עקירת הקערה. ראבי"ה. (ע"י המו"ל)

# מדור העובדות לפסח

### געוואלט מאכן א חומרא און נישט געלונגען

דער הייליגער דגל מחנה אפרים האט געהערט אז עס איז דא א חומרא ביי חמץ אז עס ווערט נישט בטל במשהו אפילו אין קאלטע וואסער, האט ער מחליט געווען אז ער וועט איינזאמלען שניי און דאס אריינלייגן אין א גרויסער פאס און אזוי וועט ער האבן מהודר'דיגע וואסער אן קיין שאלות פון חמץ, און ער פריידט זיך זייער ווען ער גרייט אן פאר פסח די וואסער, אבער צו זיין וואונדער איז פונקט געווען א בייגעל אין די שניי וואס ער האט צוזאם געקליבן און האט געמוזט אויסגיסן די גאנצע וואסער און געמוזט נוצן די געהעריגע וואסער פון קוואל. האט ער נאכדעם געזאגט אז דאס איז געווען א קפידה פון זיידן דער בעש"ט הק' וואס האט נישט געהאט דעם חומרא.

### תיקון המדות קימחא דפיסחא מיט פקחות

אין ווילנא האט געוואוינט א איד א גאר גרויסע ארימאן וואס האט נישט געהאט עסן אויף יו"ט פסח און אפילו אויף א סדר, איז ער געקומען פסח אין שול און גייט צו צום רב דער גאון ר' חיים עוזר גראזינסקי זצ"ל און זאגט פארן רב פארן ארימאן איז נישטא גארנישט קיין עסן פאר אים און די משפחה און ער שעמט זיך אויך צו גיין



ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק פסח תשפ"ה pardesyehuda1@gmail.com "עולם הספרים"

מיט זיין משפחה צו אנדערע, ר' חיים עוזר איז געווען א פיקח עצום מאכט אזוי ווי דער איד פרעגט אים א שאלה און ר' חיים עוזר שרייט אוים אוי ווי אלעם איז טריפה און וואס וועסטו עסן ביים סדר? די מענטשן פון שול זענען שנעל צו געגאנגען צום רב און יעדער האט געזאגט זיי וועלן צושטעלן אלעם פארן איד, און אזוי האט ער געהאט בדרך כבוד קימחא דפיסחא. (הגש"פ שדה צופים)

## אנגעטאן א נייע מאנטל נאר פאר מים שלנו

הגה"ק ר' צבי הירש אבדק"ק רודניק בן הרה"ק ר' ברוך מגארליץ בן הדברי חיים מצאנז, דער טאטע פון פריערדיגן רבי פון קלויזנבורג זצוק"ל, האט אנגעפירט די מנהג פון זיין זיידן דער הייליגער צאנזער רב, אז עס בלייבט נישט איבער קיין געלט און אלעם צוטיילט מען פאר ארעמעלייט, און געלט אויף די בגדים האט מען ענדערש צוטיילט אויף צדקה, כל זמן דער בגד האט מען געקענט נוצן, און נישט געקוקט צו עס איז שיין צו נישט אויב מען האט עס געקענט גיין. פארשטייט זיך אז די חסידים האבן דאס נישט אויסגעהאלטן, און ווען דער רודניקער רבי איז אנגעקומען איינמאל צו זיינע חסידים אין בילגורייא מיט זיין צוריסענע אלטע מאנטל, האבן די חסידים מחליט געווען אז מען נעמט צוזאמען געלט און מען גייט קויפן פארן רבין א נייעווארעמע מאנטל!

מען האט געשיקט צווי חשובע שלוחים קיין רודניק איבערגעבן דעם רבין די מתנה פון זיינע חסידים, אבער ווען דער רבי האט דאס געזען האט ער געפרעגט פון וואו איז דער מאנטל? האט מען געענטפערט פון די חסידים אין בילגורייא! האט דער רבי געזאגט מן הסתם האט מען אויך גענומען פון ארעמעלייט! האט מען געענטפערט אז מען האט נאר גענומען פון נגידים.

אבער דער רבי האט שטרענג געזאגט אז וואס איז שלעכט מיט מיין מאנטל, איז מיר דען קאלט אין דעם? און די געלט וואלט מען ענדערש געדארפט געבן פאר ארעמעלייט! און דער רבי נעמט די מאנטל אוןווארפט דאס ארוים פון פענסטער, און די צווי חסידים זענען ארויסגעלאפן, דערווייל האט די רעביצין מיט געהאלטן דעם גאנצן וויכוח און איז שנעל ארוים און גענומען דעם מאנטל און אויפגעהאנגען לעבן דעם אלטן מאנטל פון רבין, און זי האט פארשטאנען אז עס וועט זיין אין שאפע וועט דאס דער רבי זיכער נוצן!

דער רבי האט געזען דעם מאנטל אין שאפע אבער האט דאס נישט גענוצט, אבער די רעביצין האט זיך געפריידט אז דער רבי האט זיך נישט געבייזערט אויפן מאנטל, האט זי געווען זיכער אז דער רבי וועט עס נאך אמאל נוצן! און טאקע ווען פסח האט זיך דערנענטערט און מען דארף גיין שעפן מים שלנו וואס דאס איז א יו"ט ביי חסידים, און דער רבי גייט צום שאפע און נעמט דעם נייעם מאנטל און זאגט לכבוד דעם מצוה פון מים שלנו וועט מען אנטאן דעם נייעם מאנטל!

האט דער גבאי זיך אנגערופן פארן רבין אז מען דארף דורכגיין בלאטע און לעבן טייך איז גאר שמוציק און די נייע מאנטל וועט ווערן שמוציק, אבער דער רבי מאכט זיך נישט וויסנדיג און גייט צו מים שלנו מיטן נייעם מאנטל און דער רבי פריידט זיך זייער אז ער האט א נייע מאנטל לכבוד דעם שעפן מים שלנו, און מען גייט און דער נייעם מאנטל איז געווארן זייער שמוציג און אויסגעזען א אלטע מאנטל און דער רבי שעפט די וואסער און מען זינגט און מען גייט אהיים.

דער רבי איז אהיים און אויסגעטאן דעם נייעם מאנטל און צוריק געלייגט אין שאפע, און געזאגט איך פריי זיך אז איך האב געקענט הנאה פון דעם נייעם מאנטל, אבער מער קען איך דיר נישט אנטאן ווייל מיינע עלטערן האבן זיך געפירט צו גיין מיט א בגד כל זמן, מען קען עס נוצן. מנהג אבותיו איז געווען

שטארק ביי די צדיקים, אבער פאר די חביבת המצוה, האט דער רבי געגנוצט דער נייעם מאנטל וואס ער האט באקומען פון די חסידים. (עטרת תפארת צבי)

**<u>תיקון המדות</u> - דער צדיק איז גרייט צו עסן געבראקס**

הגה"צ ר' שמעון זעליכאווער זצוק"ל דער נהרי אש און משגיח אין ישיבת חכמי לובלין, האט מקפיד געווען צו האבן אורחים ביים סדר אזוי ווי עס שטייט ושמחת בחגיך והגר והיתום והאלמנה, איין יאר האט ער געהאט א בחור א יתום און א אלמנה און אויך א עלטערער איד ביים סדר, ר' שמעון האט אין מיטן סדר באמערקט אז דער זקן האט בכלל נישט קיין ציינער און ער וועט נישט קענען עסן די מצה. פארן זיך גיין וואשן האט ר' שמעון געזאגט פארן זקן אז ער מוז ווייקן די מצה און עס וועט ווערן געבראקס און ווייך! דער זקן ווערט אים שלעכט אבער ר' שמעון זאגט אים אז עס וועט זיין א סכנה פאר אים און געבראק'ס איז א חומרא פון בעש"ט און זיינע תלמידים, אבער נאר דער וואס קען דאס אויספירן, אבער דער זקן האט נישט געהאט קיין חשק ביז ר' שמעון האט אים געזאגט קלאר אויב איר האט מורא פון עסן געבראקס בין איך גרייט מיט עסן מיט אייך, און דער איד האט געזען אז ר' שמעון מיינט דאס ערנסט און האט געגעסן די מצה געבראקס.

**<u>תיקון המדות</u>** - הרה"ח ר' אליעזר דוד פרידמאן זצ"ל דערציילט אז ביים גאון ר' חיים עוזר מווילנא זצ"ל איז אנגעקומען אין מיטן סוכות א חשובער אורח און ר' חיים עוזר האט זיך נישט געשפירט גוט און איז געבליבן אין שטוב אלץ מצטער פטור מן הסוכה, אבער מען האט אנגעגרייט א סעודה פארן אורח און ער וואשט זיך אין סוכה און ר' חיים עוזר קומט אראפ אין סוכה מיט א דיקע מאנטל זיך אנצו-ווארעמען, און ווען דער אורח פרעגט, איר זענט דאך פטור פון סוכה! האט ר' חיים עוזר געענטפערט: אבער פון הכנסת אורחים בין איך נישט פטור, און וואס פארא א טעם איז ברענגען א אורח און אים לאזן עסן אליין! זיי האבן געלעבט אין א אמת'ע חשבון זיע"א.

**<u>תיקון המדות</u> - מען טאר נישט פארשעמען א איד**

אין שטוב פון הרה"ק ר' שלמק'ע פון זוויהעל זצוק"ל האט זיך געדרייט אלע סארט אורחים, און אלע האבן געטאן וואס זיי ווילן און דער רבי האט קיינמאל נישט געהאט א שלעכט ווארט צו קיינעם נאר אדרבא מיט געשפילט מיט יעדענ'ם משוגעת. פסח איז געווען זייער אסאך חומרות ביים רבינ'ס טיש אז מען האט נישט געלייגט ברעקלאך פון מצה אויפן טיש נאר דאס געגעסן אין א טאש. עס האט זיך געזעצט א אורח וואס האט געגעסן מאשין מצה און דאס ארויף געלייגט אויפן טיש און געקוועטשט די ברעקלאך אז עס האט געפלויגן איבער דעם גאנצע טיש. ווען דער רבינ'ס זון ר' גדליה משה זצוק"ל האט שטילערהייט געזאגט פארן טאטן אז יעצט איז פסח און מען דארף מעורר זיין דער איד זאל אכטונג געבן אויף זיינע מצות! האט ר' שלמק'ע געזאגט וואס ווילסטו פון אים, לאז אים אפ, מען טאר נישט פארשעמען א איד, אפילו אז מיר האבן שטארקע חומרות!

**<u>תיקון המדות</u> דער הייליגער בית אהרן האט באוואונדערט די סדר פון זיין חסיד - נישט געווארן אין כעס**

דער הייליגער בית אהרן מקארלין זצוק"ל שרייבט אז א משהו חמץ איז נאר א דרבנן אבער א משהו כעס איז א איסור דאורייתא. מען דערציילט אז אין קארלין איז געווען א קארלינער חסיד, ר' בערטשע, א תמימות'דיגער איד, און א עובד ה'. פון זיין הנהגה ביים סדר נאכט איז דא אסאך וואס זיך אפצולערנען:

זיין ווייב איז נישט געווען קיין גרויסע באלעבאסטע, און ער אליין האט פאר פסח געטאהן כמעט די גאנצע ארבעט פון פסח'דיג מאכן. ערב פסח פאר'ן גיין אין שול האט ער אליין אנגעגרייט די סדר טיש מיט שיינע כלים און אויך די מַצות און וויין, ווי אין שולחן ערוך שטייט, אז ווען מען קומט אהיים פון שוהל זאל מען גלייך קענען קידוש מאכן.

אבער בשעת ער איז געווען אין שוהל איז זיין ווייב אריבערגעגאנגען דעם פסח טיש צו איר מזל האט זי זיך אנגעטשפעט אינעם טישטאך און זי האט נישט באמערקט ווי זי שלעפט אראפ אלעם פון טיש, די מצות, די וויין, די ליכט און די כוסות, און אפאר טעלערס האבן זיך צובראכן און זי האט ממש געמאכט א חורבן. און ווי עס פירט זיך ביי אסאך מענטשן, אנשטאט זיך אליין באשולדיגן פארוואס זי האט נישט אכטונג געגעבן, איז זי גאר געווארן אויפגערעגט אויף איר מאן כאילו ער איז שולדיג וואס זי האט געטאן, און זי האט באשלאסן אז זי הויבט גארנישט אויף פון די ערד און אלעם איבערגעלאזט ווי עס שטייט און גייט און זי האט זיך אריין געלייגט אין בעט שלאפן.

ווען ר' בערטשע איז אהיימגעקומען פון שוהל און געזען אז ס'איז חושך פינסטער האט ער נישט געוואוסט וואס גייט דא פאר! ווען ער האט באטראכט דעם מצב האט ער שוין פארשטאנען וואס דא איז געשען, און געפרעגט זיין ווייב זייער רוהיג וואס דא איז געשעהן? האט זי איהם נישט געענטפערט, נאר געבלאזן אויף איהם מיט כעס.

א גאר דערהויבענער חסיד איז ער געווען, און נישט געמאכט א עסק פון דעם און ער נעמט זיך אנגעצינדן די ליכט היתכן ס'איז דאך יום טוב, און ערשט דאן האט ער געזען די גאנצע מהפכה. ער האט גלייך געכאפט וואס דא גייט פאר! אז דער טישטאך איז נישט סתם אראפגעפאלן פון זיך אליין נאר פארקערט פון די נאכלעזיגנקייט פון זיין ווייב איז דאס געשען! אבער מען דארף איר גיין בארוהיגן! האט ער איר אנגעהויבן איבערצובעטן מיט גוט הארציגע ווערטער אבער זי האט זיך נישט געלאזט: זי האט אים געפלאצט מיט א כעס און געשריגן אויף אים קולות, אבער ער האט זיך נישט געלאזט און ער האט איר ווייטער בארוהיגט מיט שיינע ווערטער אז עס גארנישט פאסירט אז ער וועט אלעם אויפהייבן און אפווישן, און ביז א פאר מינוט וועט ער אלעם צוריק לייגן אויפ'ן פלאץ און מען וועט קענען אנהויבן דעם סדר. זי האט זיך בארוהיגט, און ער האט אלעם אויפגעהויבן מיט א שטארקן רוהיגקייט, און דערנאך האבן זיי געפראוועט צוזאמען א דערהויבענעם סדר מיט גרויס שמחה. אויף צו מארגנ'ס האט דער הייליגער בית אהרן געזאגט אין בית המדרש מיט גרויס התפעלות: "אונז האבן אויך אפגעראכטן א שיינעם סדר אבער צום סדר פון ר' בערטשע קומט עס נישט צו!"

**וְשֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ לִשְׁאוֹל - אַתְּ פְּתַח לוֹ,** עס איז געקומען א חסיד צום הייליגן תפארת שלמה פון ראדאמסק זצוק"ל און געבעטן ער דארף געלט פאר זיינע געשעפטן, זאגט אים דער רבי ער זאל גיין בארגן און באצאלן, זאגט דער חסיד קיינער וויל אים נישט בארגן! אויב אזוי זאגט דער צדיק ביזטו יעצט א שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ לִשְׁאוֹל, דו קענסט שוין נישט בארגן -שואל א לשון פון בארגן- קיין געלט, איז אַתְּ פְּתַח לוֹ, דארסטו מתפלל זיין און דער אויבערשטער וועט דיר עפענען זיין אוצר דיר צו שיקן.

**דער פארלוירענעם בעכער קומט צוריק ביים סדר**

דודי הרב הגאון ר' משה שמואל טויסיג זצ"ל ראש ישיבת מאטערסדארף האט דערציילט עס איז אמאל געווען א מעשה וואס ער האט אליין געהערט פון זיין רבין, הגאון הצדיק ר' יוסף צבי דושינסקיא זצ"ל וואס האט פאסירט ביים אברבנאל. וואס ער האט געהאט

א זעלטענע שיינער כוס, א בעכער וואס ער האט דאס גענוצט נאר ביים סדר. איינמאל האט דער קעניג פון ספרד באזוכט דעם אברבנאל און זיין הויז, און ער האט דערזען דעם כוס און ער האט געזאגט פאר די אברבנאל, איך בעט דיר שענק מיר דעם כוס ווייל עס געפעלט מיר זייער! עס איז אזוי שיין, אין מיין לעבן נישט געזען אזא בעכער! האט זיך דער אברבנאל נישט געוואוסט וואס צו טאן, און האט אויפגעהויבן זיינע הענט מיט תפלה און געזאגט: רבונו של עולם, נעם צו פון מיר דעם כוס אז עס זאל נישט חלילה אריינפאלן אין די הענט פון א גוי! איז געשען א נס און די כוס איז נעלם געווארן, דער קעניג זוכט און טרעפט עס נישט און אזוי מיט טרויערקייט איז ער אוועק פון הויז פון אברבנאל. דער אברבנאל איז געווען פרייליך אבער ווען עס איז געווארן נענטער צו פסח האט ער געהאט עגמת נפש פון בעכער און דער אויבערשטער האט נישט געוואלט שטערן די שמחת יו"ט פון אברבנאל און צו גרוים וואונדער ווען דער אברבנאל איז אריין געקומען צום סדר פסח ביי נאכט זעט ער די כוס איז צוריק געקומען אויפן טיש! (ספר בית ישראל השלם למוה"ז אדמו"ר ממאטטערסדארף עמ' ר"ט)

### קמחא דפסחא איז כולו מצה

איינמאל איז געווען א מחלוקת אין שטאט חוסט און וועגן דעם האט מען זיך צוריק געהאלטן פון געבן מעות חטים אויף פסח. ביים שבת הגדול דרשה האט הרב ר' יוסף צבי דושניסקי זצ"ל דער רב פון שטאט, זיך אנגערופן בדרך צחות! פאר פסח מאכט יעדער איינער הכנות פאר יום טוב און מען קויפט זיך איין וואס מען דארף, ווען עס קומט אריין יום טוב זאגט מען "הא לחמא עניא די אכלו אבהתנא כל דכפין ייתי ויכול", און נאכדעם זאגט מען מה נשתנה - שבכל הלילות אנו אוכלים חמץ ומצה הלילה הזה כולו מצה, האט ער געזאגט אז דאס איז גוט אויב מען גיט קמחא דפסחא, אבער אויב מען גיט נישט קמחא דפסחא, איז מען נישט מקיים דעם "הא לחמא עניא", איז דאס אינגאנצען חמץ פון איין זייט. דעמאלטס האט יעדער איינער פארגענומען אז מען וועט געבן געלט פאר פסח (ארז בלבנון)

### נישט אלעם וואס מען זעט מוז מען אויסרופן

איינמאהל בשעת ר' וועלוול ז"ל -מען האט אים גערופען: "דער לייב מענטש" - ער איז געווען א בני בית און פון די בני עליה ביים הייליגן בית אהרן מקארלין זיע"א - איז געזעצן ביים סדר און ער האט ער איינגעדרימלט ביים עסן און ער האט משיג געווען הויכע כוונות און ענינים ביים דרימלען, דארט איז געזעצן ר' וועלוועל'ס ברודער ר' אהרן, דער רבי האט מרגיש געווען וואס ר' וועלוול משיג געווען, האט זיך דער רבי אנגערופן: "נישט אלעם וואס מען זעהט מוז מען אויסרופן, מיר ווייסן אויך און מיר זאגן נישט, עס שטייט: ומנסתרות נקני.

### דער הייליגע חוזה ווערט פרייליך

ביים הייליגן חוזה מלובלין האט זיך א מאל געמאכט אז נאכ'ן זאגן חסל סידור פסח און לשנה הבאה בירושלים, מיט גרוים דביקות און דערהויבענקייט, איז ער געווארן זייער טרויערדיג און דאס האט געשאפט אויך א טרויערקייט ביי די חסידים. און די חסידים האבן נישט געוואוסט ווי אזוי צו פרייליך מאכן דעם רבי'ן איז געווען דארטן א איד מרדכי רקובר וואס פלעגט פרייליך מאכן דער עולם, און ער האט זיך אנגערופן רבי: דו ביזט מעבב די גאולה פרעגט אים דער רבי פארוואס? זאגט מרדכי יעדן מוצאי יום כיפור זאגסטו לשנה הבאה בירושלים און דער אויבערשטער נעמט אן דיין תפלה און דורך דעם שטופט ער אפ משיח ביז א יאר, און בויעט נישט די

בית המקדש, אבער ביז א יאר וועט ער יא קומען, יעצט פסח אז דער רבי האט געזאגט לשנה הבאה בירושלים וועט מען ווייטער הערן זיינע תפלות און אפשטופען דאס בויען ביז איבער א יאר, און אזוי וועט איז שטענדיג אנגיין ! און די רבי האט דאס דערהערט און זיך צושמייכלט און געווארן פריילאך, און אזוי זענען די חסידים אויך געווארן פריילאך און די טיש האט זיך ווייטער געפירט מיט א גרויס דערהויבענקייט און א שמחה עילאה.

## רבי ר' ברוכ'ל ווערט פריילאך און זאגט צו גן עדן

ביים הייליגן ר' ברוכ'ל ממעזיבוז איז געווען א ענליכע מעשה איז געווען: ווען ער פלעגט קומען צו א מצב פון דביקות און מען האט מורא געהאט אז ער זאל נישט אריינגיין אין א טרויער האט מען געברענגט דעם באוואוסטע הערש'לע אוסטראפאלע און האט אים פריילאך געמאכט מיט א גלייך ווערטעל איינמאל ווען דער רבי איז געווארן פריילאך דורך הערש'ל האט זיך דער רבי אנגערופען הערש'ל איך זאג דיר צו אז דו וועסט נישט גיין אין גיהנום און אלע טויערען פון גן עדן וועלן זיין אפן פאר דיר אבער זאלסט וויסן אז דאס איז נישט פון מיין ברכה וואס איך בין אן איניקל פון הייליגן בעל שם טוב נאר ווייל דו וועסט קומען פאר בית דין של מעלה און די מלאך רע וועט וועלן קומען זאגן שלעכטס אויף דיר וועסטו אלעמאל האבן א גוט ווארט דאס צו אים צו פארענטפערן און דו וועסט ווערן זכאי. ווייל עס וועט זיין מלאך רע יענה אמן. זעהט הערש'ל אז די רבי איז פריילאך געווארן און ער זעט אז ער קען צוריק ענטפערן דער רבי און וועט נישט האבן קיין קפידא אויף אים. און זאגט! רבי: איך האב נישט מורא פון שלעכטע מלאכים ווייל איך קען זיי טאקע ענטפערן מיט א גלייך ווערטעל אבער וואס וועל איך א עצה געבן צו די מלאכים וואס קענען נישט הערן און זענען טויב פאר זיי האב איך מורא! זאגט אים דער רבי ר' ברוך: הערש'ל! האסט מיר מנצח געווען. איך זאג דיר צו אז אין זכות פון מיר משמח זיין וועסטו נישט גיין אין גיהנום און די טויערן פון גן עדן וועלן זיין אפען פאר דיר.

## מען דארף זיין בשמחה יו"ט מדאורייתא

איינע פון די חסידים פון הרה"ק ר' יצחק מנישכיז זצוק"ל מחבר תולדות יצחק, איז געקומען קיין נישכיז און ערב פסח פארן גיין באקן די מצות זעהט דער רבין ווי זיין חסיד איז טרויעריג, פרעגט אים דער רבי פארוואס איז ער טרויעריג? האט ער געענטפערט: ער האט געארבעט זייער שווער אויף צו היטן זיין מעהל פון חמץ כדי ער זאל דאס נוצן פאר זיין ערב פסח מצות און די מעהל איז געווארן חמץ'דיג און יעצט וועט ער נישט האבן קיין מעהל פאר מצות שמורה און מוזן נעמען נאר פשוטה מצות! האט אים דער רבי מחזק געווען און געזאגט מצה שמורה איז נאר א דרבנן, אבער ושמחת בחגיך איז א דאורייתא, בעסער עסן מצה פשוטה מיט שמחה און אזוי מקיים זיין די מצוה דאורייתא פון שמחת החג.

## דער צדיק האט געפריידט מיטן שיינע קיה אין פסח

הרה"ק ר' משה ליב מסאסוב זצוק"ל איז געווען א ארימאן און זייער געוואלט האבן מהודרדיגע מעל פאר זיינע מצות, און האט אפגעשפארט א פרוטה און א פרוטה כדי צו קויפן די טייערע מעל, איין יאר פאר פסח גייט ר' משה לייב מיט א שמחה צו קויפן זיין מעל ווען אינמיטן וועג זעט ער א איד וואס וויינט זייער שטארק, פרעגט אים ר' משה ליב פארוואס וויינט ער? האט ער געזאגט אז זיין גאנצע פרנסה איז פון זיין קיה און היינט איז דאס געשטארבן און מיין ווייב און קינדער וועלן נישט האבן פון וואס צו קויפן

עסן! האט ר' משה לייב אים געגעבן זיין געלט וואס ער האט אפגעשפארט און איבערגעלאזט געוווג אויף צו קויפן פשוטע מעל! און אנגערופן זאלן זיך אנדערע פרייען מיט זייערע שמורה מצה און איך וועל זיך פרייען מיט מיין שיינע קיה זיע"א

## די עניוות פון נודע ביהודה

דער הייליגער גאון ר' יחזקאל לאנדא זצ"ל האט זיך געפירט אז נאך שפוך חמתך האט ער ארויס פון שטוב און געגאנגען כאילו ער באגלייט איינעם. איינמאל האט אים א תלמיד געזאגט בתמימות אז דער רבי האט גילוי אליהו ווייל ער באגלייט אליהו נאך שפוך חמתך! ווען דער רבי האט דאס געהערט האט ער מיט עניוות געזאגט ער באגלייט ווייל ער האט אמונה אין דברי חז"ל אז אליהו הנביא קומט דעמאלטס צום סדר און טרינקט פון בעכער, און נישט א ראיה אז ער זעט אים.

## די נשמה איז געקומען זוכן א תיקון נאך קריאת המגילה

דער סיפור איז א סגולה צו דערציילן פסח נאכן צווייטן סדר: עס האט זיך געמאכט אין די צווייטע נאכט פסח האט א יונגערמאן אפגעראכטן זיין סדר און דערציילט סיפורי יציאת מצרים פאר די משפחה און נאכדעם געזאגט שיר השירים מיט געלאסנקייט, עס איז שוין שפעט און נארמאל וואלט דער יונגערמאן שוין געווען שטארק מִיד און וואלט שוין איינגעשלאפן אבער יענע נאכט האט ער זיך נישט געפילט מִיד און דעריבער איז ער זיך נישט געגאנגען לייגן, אבער וואס טוט מען יעצט? איז אים איינגעפאלן אז די סעודה פון אסתר המלכה איז דאך געווען דעם צווייטן טאג פסח ממילא איז דאך יעצט אין די צייט דא הארות פון דעם נס פון פורים איז ער געגאנגען נעמען א מגילת אסתר און נעמט דאס לייענען מיט א זיסקייט און ער האט א מורא'דיגן געשמאק און לייענט די מגילה און יעצט שפירט ער א מידקייט.

ער ווארט ביז ער וועט ענדיגן די מגילה און גיין זיך לייגן ווען א נשמה שטייט פאר אים און זאגט זי איז געקומען פון עולם העליון און זי דארף א תיקון! פרעגט איר דער יונגערמאן וואס פאר א שייכות האסטו מיט מיר אז דו קומסט פונקט יעצט? און בכלל וואס האסטו געזינדיגט אז דו דארפסט א תיקון? האט די נשמה געענטפערט אז זי איז שוין דורך אלעם וואס מען האט אויף איר גוזר געווען אין בי"ד של מעלה, אבער עס זענען דא נשמות וואס פונדעסטוועגן לאזט מען זיי נישט אריין אין גן עדן נאר מיט א באזונדערן זכות. איז וואס טוהען די אלע נשמות? זיי ווארטן אויף פורים וואס דעמאלטס איז דער טויער פון גן עדן אפען און די נשמות לאזט מען אריין.

יעצט עס זענען דא טויזנטער אזעלכע נשמות וואס ווארטן אריינגיין אין גן עדן, דעריבער שוין עטליכע חדשים פאר פורים שטייען ביים טויער פון גן עדן און ווארטן אויף פורים ווען די טויערן ווערן אפען כדי צו אריינגיין, און ווייל עס זענען דא אסאך לאזט מען אריין די וואס זענען געווען ערשט. און די וואס זענען נישט אריין דעם יאר מוזן זיי ווארטן אויף די קומענדיגן יאר און ווארטן אויף זייער רייע. און דאס קען געדויערן יארן צו ווארטן. דעם יאר פורים האב איך געהאפט אז מיין צייט איז שוין געקומען אריינצוגיין אבער ווען מיין צייט איז אנגעקומען האט זיך פונקט פארמאכט דער טויער פון גן עדן און דער ממונה האט מיר בארוהיגט אז דעם קומענדיגן יאר וועל איך שוין קענען אריינגיין פורים אין גן עדן.

זאגט די נשמה אז די יסורין זענען גרויס פאר איר האט זי מחליט געווען זי בלייבט ביים טויער ביז דעם קומענדיגן פורים און זיין די ערשטע ווען דער טויער

וועט זיך עפענען. און אזוי ווי איך האב געהערט דיין ליינען די מגילה היינט באנאכט האב איך געקלאפט אויפן טויער אז מען זאל מיר ארייגלאזן ווייל מען ליינט שוין די מגילה, ווען דער שומר האט געעפענט דעם טויער און געזאגט אז עס אמת אז מען האט געליינט די מגילה אבער עס איז נאך נישט פורים. האט די נשמה נישט געוואלט אנעמען די טענה פון דעם שומר און עס האט זיך געטומלט אין הימל ביז אונזער מחלוקת איז אנגעקומען צום בי"ד של מעלה. א מלאך האט אונז גערופן צום בי"ד, דער שומר האט געזאגט אז נאר פורים עפענט ער די טויערן און נאכדעם האב איך געזאגט אז אַזַא מגילה ליינען קען ארייגלאזן א נשמה אפילו עס איז נאך נישט פורים!

דער בי"ד של מעלה האבן דַן געווען אין דעם ענין און האבן געזאגט אז דער שומר איז באמת גערעכט, ווייל עס איז פארט נישט פורים, אבער אויב איך וועל אראפגיין צו דער איד וואס האט געליינט די מגילה און ער וועט פסק'נען אז איך זאל אריינגיין אין גן עדן וועט מען מיר ארייגלאזן! דאס האט די נשמה דערציילט פארן יונגערמאן, וואס האט רחמנות געהאט אויף די נשמה און געפסקענט אז זי זאל גיין אין גן עדן, און זי איז טאקע אריין. [יעצט פארשטייט מען פארוואס דער יונגערמאן האט נישט געקענט איינשלאפן כדי די צובראכענע נשמה זאל באקומען איר תיקון.] דער הייליגער חקל יצחק ספינקא פלעגט דערציילן די מעשה פסח באנאכט און די זקני חסידים האבן געזאגט אז דער יונגערמאן איז געווען דער אמרי יוסף.

אין ספר ליקוטים יקרים ווערט געברענגט די זעלבע מעשה מיט א נשמה וואס האט געמיינט אז עס איז שוין פורים און איז געקומען צום צדיק דעם הייליגן צדיק ר' נחום מטשערנאביל דער מאור עינים זיע"א. נאר דארטן שטייט אז די מעשה איז נישט געווען פסח באנאכט נאר א פשוטע נאכט וואס דער צדיק האט נישט געקענט איינשלאפן האט ער דערמאנט דער משנה אין אבות (פ"ג מ"ד) **רַבִּי חֲנִינָא בֶּן חֲכִינַאי אוֹמֵר, הַנֵּעוֹר בַּלַּיְלָה וְהַמְהַלֵּךְ בַּדֶּרֶךְ יְחִידִי וְהַמְפַנֶּה לִבּוֹ לְבַטָּלָה, הֲרֵי זֶה מִתְחַיֵּב בְּנַפְשׁוֹ.** אז מען איז אויף באנאכט און מען לערנט נישט איז ח"ו חייב... איז דער צדיק געגאנגען צום ספרים שאפע און פונקט האט ער אנגעטראפן א גמ' מגילה און געלערנט געשמאק ווען ער זעהט א נשמה פון עולם העליון, וואס האט דערציילט אז ווען זי האט געהערט דעם צדיק לערנען מס' מגילה האט זי געמיינט אז עס איז פורים און דער צדיק האט איר געגעבן גערעכט אריינצוגיין אין גן עדן זיע"א

## מסירות נפש אויפן כוס של אליהו האבן זיי געזען אליהו

דער הייליגער ריזינער זצוק"ל האט דערציילט: אין א שטאט האט געוואוינט א גביר וואס האט געטיילט אסאך צדקה און האט מחבב געווען מצוות, איין זאך פון זיין טייערע אוצר איז געווען א גאלדענער כוס של אליהו מיט דימאנטן און נאך טייערע שטיינער און יעדן יאר פאר פסח האט מען דאס ארויס גענומען און געפוצט ביז עס האט געשפיגלט, און דאס האט געגעבן א רייכקייט צום סדר טיש יעדן יאר, אבער, לא עלינו, איז דער איד געווארן א יורד און האט אלעם פארלוירן, און האט אלעם וואס ער און זיין האבן פארמאגט געמוזט צוביסלאך פארקויפן כדי צו קויפן א ביסל עסן, אבער די כוס של אליהו איז נישטא וואס צו טראכטן צו פארקויפן!

אזוי האט זיך געצויגן עטליכע יאר וואס מען האט נאך געקענט עפעס איינקויפן פאר יו"ט און דער שיינער כוס איז נאך געלעגן אויפן סדר טיש מיטן פולן גלאנץ און דאס האט זיי געגעבן חיזוק אויף ווייטער. אבער איין יאר איז שוין געווען גאר ענג אז זיי האבן גארנישט געהאט אויף איינצוקויפן פאר פסח

און דער מאן טראכט אז יו"ט איז א חיוב דאורייתא צו עסן מצה און די אנדערע מצוות, ממילא איז שוין געקומען די צייט צו פארקויפן דער כוס של אליהו און מקיים זיין די מצוות היום, אבער ווען ער האט דערציילט זיין ווייב אז ער וויל פארקויפן דער בעכער, האט זי געזאגט: בשום פנים ואופן וועט מען נישט פארקויפן אזאך וואס באלאנגט נישט צו אונז, עס באלאנגט נאר צו אליהו הנביא! און איי וואס וועלן מיר עסן? וועלן מיר זיך ביידע נעמען און מתפלל זיין אז דער אויבערשטער זאל אונז שיקן עסן אויף יו"ט, אבער פארקויפן איז נישטא קיין טראכט פון דעם!

דער מאן האט גוט פארשטאנען זיין ווייב און האט געזאגט אז ער וועט שטארק מתפלל זיין, און איז גלייך אריין אין שול און זיך אויסגעוויינט ביים תהלים, און די ווייב האט געטאן דאס זעלבע אין שטוב! עס איז שוין אנגעקומען ערב פסח און קיין עסן איז נישטא, אבער זיי האבן געהאט די אמונה און בטחון אז דער אויבערשטער וועט זיי נישט פארלאזן, און דער איד גייט זיך אנגרייטן פאר יו"ט און גייט אין שול פרי און איז ווייטער מתפלל. און נאכן דאווענען איז ער פול מיט בטחון אז דער אויבערשטער האט אים זיכער געהאלפן און גייט אהיים פריילאך און ווען ער קומט אריין אין שטוב און ער זעהט אז עס איז ליכטיג און דער טיש איז אנגעגרייט מיט מצות און וויין וכל טוב, און אין קאך איז דא פיש און פלייש, פרעגט דער מאן פון וואנעט האט זי געשאפט די אלע עסן? האט זי געענטפערט אז באלד ווי דו ביזט אוועק אין שול איז אריינגעקומען א אורח מיט א שיינעם הדרת פנים, און געזאגט אז ער וויל דא זיין אויפן סדר און ער האט מיטגעברענגט אלע עסן מיט א ברייטקייט, און ער גייט אין זיין וואגן און ברענגט אריין אלעם אויף יו"ט.

דער אורח האט צו געזאגט אז ער וועט נאך צוריקומען שפעטער באנאכט און מען זאל נישט ווארטן אויף אים, אבער ביי שפוך חמתך זאל מען יא ווארטן אויף אים! די פאר פאלק האבן געפראוועט דעם סדר מיט שבח והודאה און א העכערן שמחה. און ווען מען האט געהאלטן ביי שפוך חמתך האט מען אנגעפילט דעם כוס של אליהו און ווען מען האט געעפענט די טיר, שטייט דארטן דער אורח און בעט אויב ער קען אריינקומען אין שטוב!

יעצט האבן זיי פארשטאנען אז דער אורח איז גאר אליהו הנביא אליין און נאכן טרינקען פון זיין כוס האט אליהו הנביא זיי געזאגט: אז אין זכות פון זייער מסירת נפש וואס זיי האבן געהונגערט און נישט פארקויפט דעם גאלדענעם כוס, האט מען מיר געשיקט צוריק אריין ברענגען די ברכה ביי אייך אין שטוב, און ער גיט זיי א ברכה אז פון יעצט אן, זאל זיי קיינמאל נישט פעלן קיין געלט, און אליהו הנביא איז פארשוואונדן געווארן! און דער איד איז געווארן א גרעסערער עושר ווי פריער. האט דער הייליגע צדיק פון רוזין זיע"א אויס געפירט: דער מאן וואס האט געטראכט צו פארקויפן דעם כוס, האט נאר זוכה געווען זיך צו טרעפן מיט אליהו הנביא נאר איין מאל, אבער זיין ווייב וואס האט נישט געלאזט פארקויפן דעם כוס, זי האט זוכה געווען צו זען אליהו צוויי מאל, איינמאל ביים ברענגען די עסן, און אויך ביי שפוך חמתך על הגוים, ווען ער האט געטרונקען פון זיין כוס. אבער זייער רוהיגקייט און בטחון אין אויבערשטן האט געמאכט א רושם אין הימל און האט זיי געברענגט צוריק זייער עשירות.

## אליהו הנביא האט אויסגעטרונקען די גאנצע כוס

איינער פון די חסידים פון הרה"ק ר' אהרן הגדול פון קארלין איז געקומען מיט אסאך שווערקייטן און איז אנגעקומען קיין קארלין צו זיין ביים רבין אויפן סדר און פראוועז דעם יו"ט פסח מיטן רבין, דער יונגערמאן

ווארט צו גיין נעמען שלום פון רבין, וואס נעמט ביי אים שלום, אבער ווען ער גייט ארויס פון רבין, רופט אים צוריק דער גבאי און דער רבי זאגט אים פאר אהיים אין שטוב און מאך דארטן דיין סדר, רופט זיך אן דער חסיד אז עס איז אים אנגעקומען מיט אזויפיל שוועריקייטן צו קומען, און יעצט שיקט אים אהיים דער רבין! און ער בעט זיך ביים רבין ער זאל אים חאטש לאזן זיין ביים סדר און ער וועט אהיימפארן גלייך מוצאי יו"ט, אבער דער רבי הערט אים נישט און זאגט אים שטרענגערהייט: פאר שוין צוריק אהיים, און פראווע דער סדר ביי דיר אינדערהיים!

דער חסיד האט געהאט אמונה און זיך געזעגנט פון רבין מיטווארעמע ברכות און פארט אהיים מיטן פולן שמחה אז ער פאלגט דעם צדיק. ער ווייסט אז דער רבי מיינט נאר זיין טובה. זיין ווייב האט זיך געוואונדערט ווען זי זעט אז איר מאן איז אהיים געקומען און נאך געהערט אז דער רבי האט אים אהיים געשיקט, האט זי געמיינט ווער ווייסט וואס וועט זיין? אבער ער האט איר בארוהיגט אז דער רבי מיינט אונזער טובה און עס וועט נאר זיין גוט!

די ווייב גרייט זיך אן דעם סדר טיש און נאך מעריב נעמט ער זיך פראווען א דערהויבערנע סדר. זיין קאפ און הארץ געפינען זיך ביים רבין און ער איז פול מיט חיות. דער חסיד זאגט די הגדה אזוי ווי ער האט געזען ביים רבין און איז מקיים די מצוות היום מיט אכילת מצה, מרור, און שולחן עורך. נאכן בענטשן פילט ער אן די כוס של אליהו און ער גייט ארויס און עפענט די טיר פארן זאגן שפוך חמתך. אבער עס האט געווארט א באנדע גזלנים אינדרויסן און ווען ער עפענט די טיר זענען אריין געלאפן די גזלנים און גענומען זוכן אלע ווינקלן און אריין געלייגט אין א זאק זיין פארמעגן פון געלט און צירונג פון זיין ווייב!

נאכדעם האבן זיי צוגעבונדן דעם חסיד און די ווייב און קינדער און געזאגט אז זיי זאלן זיך גרייטן ווייל מען גייט זיי יעצט הרגנען רח"ל! אבער ווען זיי האבן געענדיגט צובינדן דעם לעצטער, איז פלוצלינג אריין געקומען א געזונטער בעל עגלה מיט א אייזערנער בייטש און שרייט אויף די גזלנים: וואס טוט איר דא? און מען האט זיך גענומען שלאגן מיט אים, אבער ער איז געווען אסאך שטערקער פון די גזלנים, און האט זיי געשלאגן ביז זיי האבן שוין נישט געוואוסט פון זיך, און דער בעל עגלה האט אפגעבונדען דעם חסיד, און די גאנצע משפחה און האט נאכדעם גוט צוגעבונדען די רוצחים, און זיי אלע אריינגעלייגט אין זיין וואגן!

דער בעל עגלה איז צוריק אריין אין שטוב און גענומען דער כוס של אליהו און דאס אויסגעטרונקען ביז עס איז נישט געבליבן קיין טראפ וויין, און דער בעל עגלה זאגט זיי גוט יו"ט און פארט אוועק! דער חסיד מיט זיין ווייב האבן געדארפט אביסל צייט ביז זיי האבן געקענט קומען צו זיך, אבער נאכן דאנקען דער רבש"ע פארן גרויסן נס, האט ער ממשיך געווען דעם סדר מיט חיות און א געשמאק. און גאנץ פסח האט ער געדאנקט דעם רבש"ע פארן נס.

נאך פסח איז ער געפארן קיין קארלין צום רבין און ביים געבן שלום, רופט זיך אן ר' אהרן הגדול: וואס זאגסטו צו דעם? ביי דיר האט ער אויסגעטרונקען דעם גאנצן כוס און ביי מיר האט ער נאר פארזוכט די וויין! דער חסיד האט שוין פארשטאנען אז דער רבי האט דאס אלעם געזען פאראויס, און אים אהיים געשיקט, און דער בעל עגלה איז געווען אליהו הנביא אליין! און זיך געפריידט אז ער האט זוכה געווען צו זען אליהו הנביא און אז אליהו האט טאקע אויסגעטרונקען דעם כוס של אליהו הנביא זכור לטוב! זיע"א

## סדר ימי פסח אין קארלין ביי הרה"צ ר' אברהם אלימלך זצוק"ל

בשנת תרצ"ב בחוה"מ פסח, י"ט ניסן, דער טאג פון הילולא פון הרה"ק ר' אהרן הגדול זצוק"ל איז דער רבי הרה"ק ר' אברהם אלימלך פון קארלין בן מרן אור ישראל מסטאלין זצוק"ל ארויף צום ציון פון גרויסן ר' אהרן זיע"א אבער ער איז נישט אריין אין בית החיים נאר איז געשטאנען אינדרויסן, ווייל עס איז געווען חול המועד און אין ס' שער הגלגולים פון ר' חיים וויטאל שטייט אז דער אריז"ל האט אים געשיקט גיין אויף קברי צדיקים אין חול המועד און מתפלל זיין אבער ער האט נישט משתתח געווען אויף די קברים. (קובץ בית אהרן וישראל ס"ט)

דער הייליגער קארלינער הרה"ק ר' אברהם אלימלך האט געהאט ביים סדר עטליכע מאל חסידים פון ארץ ישראל וואס האבן געשריבן זייער הרגשים און סדר הפסח פון רבי'ן פון קארלין. די הכנות צום פסח איז געווען זייער הייליג ביים רבי'ן און האט געשיקט יעדן יאר פאר זיינע חסידים קיין א"י א בריוו פון חיזוק לימי הפסח. די חסידים אין א"י האבן אריינגעהארעוועט אין די בריוו'ן מיט א שטארקע חיבה און אפלערנען יעדן ווארט פון בריוו. דער הייליגע בית אהרן האט אויך געשיקט בריוו'ן צום אנ"ש פאר פסח און אסאך פון זיי זענען געדרוקט אין ספר הק' בית אהרן. אמאליגע חסידים ווען מען האט זיי געפרעגט וואו האט מען מיטן הכנות צו פסח האט מען געענטפערט גמ' פסחים, דארט, אין של"ה הק', דארט, און ביי דעם און דעם בריוו פון הייליגן בית אהרן.

פארן סדר האט דער רבי געפלאמט מיט קדושה און ליכטיגקייט ווען ער האט אנגעטאן די קיטל פון הייליגן ר' אשר דער גרויסער סטאלינער זצוק"ל, ביים סדר האט ער אליין מסדר געווען די מצות און די קערה און אנגעגאסן די ווין. די קינדער האבן געפרעגט די פיר קשיות, נאך דעם געזאגט די הגדה, און נאך דער צווייטער כוס איז דער רבי אריין געגאנגען אין זיין חדר. און ווען דער עולם האט געענדיגט מיטן מוציא מצה איז ער ארויס געקומען און געמאכט דעם מוציא מצה מיטן כורך און אזוי געפירט ווייטער דעם סדר. פאר שפוך חמתך איז ער געגאנגען מיט די חסידים עפענען די טיר פאר אליהו הנביא.

ביים ערשטן סדר איז געווען נאר די משפחה און די אורחים פון ארץ ישראל, אבער ביים צווייטן סדר איז שוין געווען א גרויסער עולם פון די חסידים פון קארלין און פון חסידים וואס זענען געווען פון די שטעט ארום קארלין, דער רבי האט זיך אפגעגעבן מיט די אורחים און אלעמען אינזינען געהאט. נאכן סדר האט מען געציילט ספירת העומר ארום 1:30 כמנהג קארלין און נאך דעם איז געווען א געשמאקע טאנץ ביז ארום 2:30 און נאכדעם האט דער רבי געזאגט שיר השירים פרק ד'.

## סדר הפסח ביים סטאלינער רבי פון דיטרויט

הרה"ק ר' יעקב חיים פערלאוו בן מרן אור ישראל מסטאלין זצוק"ל איז געווען דער סטאלינער רבי אין אמעריקא פון תמוז תרפ"ג ביז ו' אייר תש"ו. ער ליגט אין דיטרויט. זיין חסד און זיסקייט איז געווען א זעלטנקייט:

הרה"ח ר' שלום העכט ע"ה האט געוואוינט אין וויליאמסבורג האט דערציילט אז פסח ביינאכט האט דער רבי פון דיטרויט געדאוונט מעריב פארן עמוד און דער הלל האט דער רבי געזאגט מיט אזא זיסקייט אז די עולם איז צוגאנגען פון נעימות, און ער געדענקט אז ווען דער רבי האט אויסגעלאזט: מושיבי עקרת הבית, וואס דאס בעט מען פאר די גאולה אזוי ווי רש"י טייטש (תהלים קי"ג ט') עקרת הבית: ציון שהיא כעקרה יושיבנה. האט זיך דער רבי צו וויינט פאר א פאר מינוט. און נאך מעריב פלעגט דער רבי אריינעמען דעם עולם אין די סוכה וואס איז געווען

אין די מעריב זייט פון שול אויף ראדני סט. און האט געטיילט מצת מצוה פארן עולם און פאר משפחת העכט האט דער רבי אויך געטיילט חרוסת. אגב ר' שלום פלעגט קומען צום סדר ביים רבין מיט זיין טאטן ז"ל און האט מפליא די ליכטיגקייט פון רבין ביים סדר. דער רבי האט פאר זיי אנגעגרייט א קליין רונדע טישל זיי זאלן דארטן זיצן ווען זיי זענען געקומען נאך זייער סדר. אויך פלעגן קומען אסאך בנן של קדושים מיט פראווען נאך זייער סדר און ר' שלום האט דערציילט אז דער סדר האט זיך זיך געצויגן ביז שפעט אין די נאכט מיט שיינע ניגונים.

די הכנסת אורחים פון די דיטרויטער איז באוואוסט, און כמעט אלע בחורים פון ישיבה תורה ודעת האבן דארטן געגעסן אלע שבת און פסח איז נישט געווען אנדערש, און אלע ארחי פרחי פלעגן אויך קומען, און אויך זענען מחללי שבתות געקומען צו פארן עסן ביים סדר און ווען מען האט מעורר געווען דער רבין דאס, האט ער געזאגט אזוי עסן זיי כאטש מצה און כשר'ס. נאכן סדר פון די געסט האט דער רבי גענומען פירן זיין סדר זיע"א.

**אליהו הנביא האט געהאלפן א איד מאכן פסח**

ר' פסח דער טאטע פון היילגן בני יששכר הרה"ק ר' צבי אלימלך פון דינוב זצוק"ל, איז געווען א עהליכער ארבעטארער וואס האט געהאט א פעלד אין שטאט יאווארניק, און ער האט געצויגן פרנסה פון דעם, איין מאל האט זיך געשאפט א יאר וואס האט בכלל נישט גערעגנט און עס איז ל"ע געווען א הונגער יאר וייל עס האט גארנישט געוואקסן, און ר' פסח האט נישט געהאט פון וואו צו האבן זיין פרנסה, האט ער זיך געדונגען צו זיין א מלמד אין א דארף ביי א גרויסער גביר כדי צו האבן פרנסה ביז דער הונגער יאר וועט אריבערגיין, און ער האט מחליט געווען אז ער וועט זיין דארטן ביז פסח.

דער גביר איז געווען זייער קארג און ווען עס איז געקומען צו טיילן צדקה, האט ער געהאט א פארמאכטער האנט, אבער אסאך מענטשן וואס האבן געהערט פון דעם גביר זענען געקומען בעטן געלט און זיך אויסרעדן אז ער זאל זיי ארויס העלפן, און ער האט אלעמען אוועק געשטופט, אבער ווען ר' פסח איז דארטן געווען מלמד האט ער נישט געקענט פארנעמען די עגמת פון די ארעמעליים, און האט געזאגט פארן גביר אז ער זאל יעדן געבן געלט און ער קען דאס אראפרעכענען פון זיין מלומדות געלט, און פארן אהיימפארן וועט מען זיך פארעכענען, און דער גביר האט מסכים געווען אזוי צו טאן. ר' פסח האט געטריי געארבעט און דער גביר איז געווען צופרידן פון אים, עס איז שוין געווען נאנט צו פסח, און ר' פסח וויל אהיימפארן און באקומען באצאלט, האט דער גביר געמאכט א חשבון, און עס איז אויס געקומען אז ר' פסח האט אלעס אוועק געגעבן פאר צדקה, און אויך איז ער אריבער מיט נאך 5 גאלדענע רענדלאך וואס דער גביר האט אים מוחל געווען.

ר' פסח האט נישט פאריבל, און פארט אהיים אן קיין געלט פאר פסח. אבער צופרידן אז ער האט מקיים געווען די מצוה פון צדקה. ר' פסח האט געוואוסט אז דער אויבערשטער וועט אים נישט פארלאזן און ער פארט רוהיג אהיים, אבער ווען ר' פסח איז אנגעקומען קיין יאווארניק האט ער זיך געשעמט אהיימגיין און איז אריין אין שול לערנען און זאגן תהלים, אבער פונקט איז דארטן געווען זיין זון צבי אלימלך, וואס איז געלאפן דערציילן זיין מאמע אז דער טאטע איז שוין אנגעקומען און ער וועט באלד ברענגען געלט אויף פסח! דערווייל האט זי געגאנגען און געבארגט פון דעם עסן געשעפט כדי אנצוגרייטן א גוטע מאהלצייט, זאגענדיג אז איר מאן וועט באלד ברענגען געלט און זי וועט נאך היינט באצאלן!

דערווייל די עסן איז שוין גרייט און די ווייב און קינדער

ווארטן אויס פאר ר' פסח צו קומען אבער ער קומט נישט, איז צבי אלימלך געגאנגען אין שוהל צו זעהן וואס איז געשען מיט זיין טאטע, ר' פסח האט געזען די צער פון זיין זון און האט געזאגט: גוט, לאמיר אהיים גיין, און זיי גייען צו פוס אהיים ווען פונקט דעמאלטס איז אריבער געפארן א וואגן און דארט זיצט א רייכער מענטש און ערווארפט ארויס א זעקל פון געלט לעבן ר' פסח און די וואגן פארט אוועק, ר' פסח און זיין זון זענען נאך געלאפן דעם וואגן צוריק געבן די זעקל מיינענדיג אז עס איז בטעות ארויס געפאלן, און ווען דער מענטש האט געזען ווי מען לויפט אים נאך, האט ער געהייסן די בעל עגלה אז ער זאל פארן גאר שנעל און עס איז געווען אומעגלאך אים צו כאפן.

ר' פסח האט געטראכט וואס זאל מען טאן דא? אבער ער האט פארשטאנען אז דאס איז נישט סתם א פאסירונג, און האט גענפנט דעם זעקל און גענומען ציילן די געלט און עס איז געווען פונקלאך וויפיל ער האט אויסגעגעבן פאר צדקה מיט נאך 5 רענדלאך, דא האט ער שוין געזען אז דאס איז געקומען פון הימל און האט דאס גענומען און אהיים געגאנגען צו זיין צופרידענע שטוב.

מען האט געהאט מיט וואס צו צוגרייטן א שיינעם פסח, און דער סדר איז געווען זייער דערהויבן, אבער דער שפיץ איז געווען, ווען מען האט געעפנט די טיר ביי שפוך חמתך, שרייט אויס דער יונגל צבי אלימלך: טאטע אט איז דער איד וואס האט געווארפן דעם זעקל געלט פאר דיר! ר' פסח האט שוין אלעם פארשטאנען! מען זאגט אז דער הייליגער בני יששכר פלעגט דערציילן דעם מעשה אלע יאר ביים סדר זיע"א.

### *דער בעש"ט האט געזען אז מיט שמחה ביים סדר האט מען מבטל געמאכט א שרעקליכע גזירה*

איין יאר אין די טעג פאר פסח האט זיך דער הייליגער בעל שם טוב געפירט עפעס אנדערש און אביסל מאדענע ווי געוועינטלאך, אבער ווען עס איז געקומען צו שעפן די מים שלנו, איז ער געווען גאר פריילאך און געטאַנצט מיט זיינע תלמידים מיט גרויס שמחה און געווען זייער דערהויבן. די תלמידים האבן זיך שוין געפריידט, אבער דעם קומענדיגע נאכט פון בדיקת חמץ, האט זיך ווייטער געטוישט און עס האט זיך אנגעזעהן א שרעק ביים פנים פון בעש"ט, נאכן בודק חמץ זיין האט ער אויסגעקליבן צען פון די חשובע תלמידים און זיי געבעטן זיי זאלן פראווען תיקון חצות מיט גרויס כוונה, די תלמידים האבן שוין פארשטאנען אז עס איז דא א שרעקליכע גזירה און דער בעש"ט ארבעט מעשים דאס צו מבטל זיין, און דעריבער האבן די תלמידים טאקע געפראוועט זייער תיקון חצות מיט שלימות און מיט גרויס כוונה.

אינדערפרי ערב פסח האט זיך גארנישט געטוישט ביים בעש"ט, נאר זיין פנים איז געווארן בלאס און דערשראקן, און האט ווייטער געהייסן זיינע אלע תלמידים זיי זאלן מכוון זיין ביים דאווענען שחרית די כוונות פון ראש השנה, און זיי האבן געפאלגט, נאכן דאווענען האט דער בעש"ט געזאגט תורה אז דער אמתע בטחון איז אויב עס קומט צו א מצב וואס דער מענטש זעהט נישט קיין וועג ארויס אדער א וועג צו א ישועה, דעמאלט זאל ער נאר האבן בטחון און מאמין זיין אז דער אויבערשטער וועט העלפן, און ווי אזוי ווייסט מען אויב דער בטחון איז אמת? איז נאר אויב דער מענטש איז בשמחה! און דער פנים פון בעש"ט האט זיך געטוישט און געווארן אביסל בשמחה, אבער געמישט מיט אביסל שרעק. מען האט זיך געגרייט צו ערב פסח מצות, און ביים באקן איז דער בעש"ט צוריק געווארן אינגאנצן פריילאך. פאר מנחה האט דער בעש"ט ווייטער געהייסן מען זאל מכוון זיין די כוונות פון ר"ה, און אויך ביי מעריב.

די תלמידים זענען דערנאך געגאנגען פראווען דעם סדר מיטן בעש"ט, און געהאפט צו הערן שיינע פשטים

אויף די הגדה ווי זיין שטייגער איז געווען אלע יארן, אבער דעם יאר איז דער בעש"ט געווען אריינגעטיפט אין זיין הגדה און נישט אויף געהויבן זיין קאפ, נאר געזאגט די הגדה ביזן ענדע מיט א זיסקייט און השתפכות הנפש. דאס האבן געשאפט א צער ביי די תלמידים, און נאכן ענדיגן די הגדה האט זיך געשאפט א שטילקייט אין צימער און דער בעש"ט האט זיך פאר'דביקות און די תלמידים האבן אויך זיך פאר'דביקות, ווען פלוצלונג הערט זיך ווי דער בעש"ט הויבט אן צו לאכן, אבער ער איז נישט געווען אויף דער וועלט, אבער זיין פנים האט געפלאקערט, אזוי האט זיך געצויגן מער פון א שעה, ווען פלוצלינג וועקט זיך אויף דער בעש"ט און זאגט מיט שמחה מזל טוב! ברוך הוא וברוך שמו אז דער אויבערשטער האט א פאלק וואס קענען פויעלן מער ווי ישראל בעל שם!

די שמחה ביי די תלמידים איז געווען אין לשער, אבער זיי האבן געוואלט וויסן וואס איז דא געווען? און האבן מתפלל געווען אז דער רבי זאל זיי דערציילן און דער בעש"ט האט אנגהויבן: עס איז געווארן א גזירה אין הימל אויף א דארף, און די גוים האבן מחליט געווען אז ליל הסדר גייען זיי חלילה מאכן א פאגראם אויף אלע אידן דארטן אין דארף, און איך האב פרובירט צו מבטל מאכן די גזירה און עס איז מיר נישט געגאנגען, און אפילו מיט אייערע תפילות און כוונות איז דאס נישט וויבער געווארן און ווען איך האב געזען אז עס איז נישטא א וועג ארוים האב איך זיך געשטארקט מיט אמונה און בטחון, און שמחה, אבער ביים סדר איז נאך אלץ נישט וויבער געווארן, ביז פלוצלינג האב איך געזען אז די גזירה איז בטל געווארן!

דארטן אין דארף האט געפראוועט א סדר א איד פון מיינע חסידים און ווען זיי זענען אנגעקומען וואו עס שטייט וְאֶת עֲמָלֵנוּ אֵלּוּ הַבָּנִים. כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר: כָּל הַבֵּן הַיִּלּוֹד הַיְאֹרָה תַּשְׁלִיכֻהוּ אז פרעה האט געזאגט מען דארף אריינווארפן אלע קינדער אין טייך, האט זיך דער פרוי אנגערופן ווען זי וואלט געווען דארט וואלט זי נישט געפאלגט, האט דער מאן געזאגט אז א מענטש דארף טאן וואס דער אויבערשטער וויל, ווייל צדיק ה' בכל דרכיו, האט די פרוי געפרעגט וואו איז דער רחמנות פון אויבערשטן? מיר זענען דאך זיינע קינדער און א טאטע האט רחמנות אויף זיינע קינדער אפילו ווען זיי האבן געזינדיגט! און אזוי האבן זיי געהאט א וויכוח ווער איז גערעכט! אבער נאכן פערטע כוס ווען זיי זענען ביידע געווען גוט אנגעטרונקען, האט דער מאן געזאגט אז זיין ווייב איז גערעכט, און דער אויבערשטער דארף האבן רחמנות אויף זיינע קינדער, האבן זיי זיך ביידע אויפגעשטעלט און גענומען טאנצן, און אין הימל האט מען אנגענומען די רייד פון די פרוי, און זייער שמחה ביים טאנצן האט געשאפט א גרויסע שמחה אין אלע עולמות און דער גזירה איז בטל געווארן, וועגן דעם בין איך געווארן בשמחה, זיע"א

## ***דער הייליגער צדיק ר' מנחם בראדי פון קאלוב און די רעבעצן פויעלן א קינד ביים אפיקומן***

הרה"ק רבי מנחם בראדי זצוק"ל איז געבוירן געווארן כ"ב שבט תר"כ צו זיין הייליגן טאטן הרה"ק ר' אברהם אב"ד ברעזנא, און זיין מאמע מרת אסתר, די טאכטער פון הגאון ר' אברהם יצחק וויינבערגער אב"ד קליינווארדיין, ער איז געווען א תלמיד פון הייליגן ייטב לב פון סיגעט און נאכדעם פון הגאון רב יואל צבי ראטה, אב"ד סאלקא. און ער האט חתונה געהאט מיט מרת מרים, די טאכטער פון הייליגן צדיק פון טאש הרה"ק ר' משולם פייש לאווי זצוק"ל, און נאך זיין חתונה איז ער געווארן דער אב"ד פון שטאט טאש נײנצן יאר, ביז זיין שוואגער הרה"ק ר' אלימלך האט דאס איבערגענומען, און אין

שנת תרס"ב איז ר' מנחם געווארן אב"ד אין קאלוב און געפירט א שיינע ישיבה פאר בחורים, זיין ספר באר מנחם האט מען געדרוקט שנת תרצ"ט. און מען רופט אים אויפן ספר.

דער גבאי פון דער שול אין קאלוב איז געווען הרה"ח ר' ישעי' פרידמאן ע"ה וואס האט שוין זיבעצן יאר נישט זוכה געווען צו קינדער, און האט געזוכט וועגן צו טאן זאכן פארן באר מנחם כדי צו קענען באקומען א צוזאג פאר א קינד, איינמאל איז אויסגעקומען אז עס איז געווען א שנייענדיגע ווינטער און איין חודש האט זיך נישט געמאכט א לבנה און ביי די לעצטע נאכט האט דער רבי געבעטן די בחורים צו בלייבן אויף און קוקן ווען עס וועט זיין מעגלאך צו זעהן א לבנה אז מען זאל אים שוין רופן, דער רבי איז אריין אין זיין צימער לערנען.

א בחור א באמערקט ווי עס קומט א לבנה איז ער געלאפן דערציילן דעם רבין, און מרוב שמחה איז דער רבי געלאפן, און אויפן וועג האט ער זיך אריין געקלאפט אין די טרעפ פון שול, און צוויי בחורים האבן אים אנגעכאפט, דעמאלטס ביי די הנני רוקד און ביי טובים מאורות האט דער רבי געטאנצט און געשפרונגען מרוב שמחה און ר' ישעי' האט אכטונג געגעבן אויפן רבין נישט צופאלן, און ר' ישעי' האט געזעהן אז די שמחה ביים רבין איז גרוים און יעצט איז א עת רצון צו בעטן פאר א קינד, און איז צוגעגאנגען בעטן, האט אים דער רבי געענטפערט: איך קען דיר נישט צוזאגן נאר געבן א ברכה.

ר' ישעי' האט זיך נישט מייאש געווען און געהאט א פלאן, ער האט שטארק געבעטן דעם רבין אז ער וויל זיין ביי אים אויפן סדר, און דער רבי האט מסכים געווען, ביים סדר ווען דער רבי איז ארוים פון צימער האט ר' ישעי' געגאנבעט די אפיקומן, און געהאפט אז אזוי וועט ער באקומען זיין ישועה.

עס איז געווערן די צייט פון צפון און דער רבי בעט צוריק די אפיקומן און ר' ישעי' נעמט שטאלץ און זאגט איך גיב דאס נישט צוריק ביז דער רבי זאגט מיר צו א קינד דעם יאר, דער רבי האט זיך אנגערופן איך קען נישט צוזאגן! דערווייל איז געווארן נאנט צו חצות, און דער רבי האט זייער מקפיד געווען צו עסן די אפיקומן פאר חצות, האט די רעביצן זיך אנגערופן: קאלובער רבי ביזט דאך מדקדק צו עסן די אפיקומן פאר חצות, זאג אים שוין צו, און אזוי וועסטו קענען מקיים זיין דיין מנהג! אבער דער רבי האט זיך אנגערופן איך קען נישט צוזאגן!

האט זיך די רעביצן אנגערופן: איך וויל דאך יא עסן די אפיקומן פאר חצות און וועגן דארפןווארטן פאר דיר וועל איך נישט קענען עסן פאר חצות! האט דער רבי זיך אנגערופן צו זיין ווייב: דו ביזט א טאכטער פון טאשער רבי און האסט כח, זאג אים צו א קינד און מיר וועלן קענען עסן די אפיקומן פאר חצות! האט זי געענטפערט איך וועל צוזאגן אויב דו וועסט מסכים זיין, האט דער רבי געענטפערט, גוט! פרעגט זי וואס מיינסטו מיט גוט? האט דער רבי געענטפערט אז אין צוועלף חדשים ארום וועט ער מאכן א ברית.

נו, דער רעבעצן האט געוואוסט די כוחות וואס איר מאן האט, האט זי צוגעזאגט ר' ישעי' א זון אזוי ווי איר הייליגע מאן האט מסכים געווען, און ר' ישעי' האט צוריקגעגעבן די אפיקומן און עס איז געווארן ששון ושמחה ביים סדר, דער קומענדיגן יאר איז געווען א איבער יאר און די ברכה איז מקויים געווארן און אין צוועלף חדשים ז' אדר, איז געקומען די פרייליכע בשורה אז ר' ישעי' דער גבאי האט געבוירן א זון.

ז' אדר איז דאך די יארצייט פון היילגן צדיק ר' יצחק אייזיק מקאלוב זצוק"ל, און הונדערטער אידן זענען געקומען קיין קאלוב צום זיין היילגער ציון, אבער בליץ שנעל האט מען זיך דערוואוסט פון די מופת פון דער קאלובער רבי, און אנשטאט גיין צום ציון, איז מען גלייך געגאנגען צום הויז פון באר מנחם און מען האט אים געבעטן ברכות און הבטחות, און פון גרויס שטופעניש האט זיך דער טיר צובראכן און דער רבי האט געלאכט און געהייסן אלע זאלן זיין שטיל און האט זיך אנגערופן: אונגארישע חסידים מיינען אז ווייל עס האט מיר איינמאל געלונגען זיך איינבעטן ביים אייבערשטן און ער האט געהערט מיין בעטן, וועט ער דאס אלעמאל טאהן! איר זענט דאך געקומען צום ציון פון א צדיק וואס האט כסדר געבעטן און האט געהאלפן טויזנטער אידן, גייט צו אים און לאזט מיר אפ! און די אידן זענען טאקע אוועק צום ציון.

פורים איז געווען די ברית ביים רך הנימול און דער באר מנחם איז געווען סנדק און גערעדט דברי תורה און די שמחה איז געווען גרויס. די חסידים האבן געוואוסט דעם כח פון זייער רבי וואס האט געמאכט גרויסע מופתים אבער נאר פאר די וואס האט געלערנט ביי אים א דרך אין עבודת ה'. דער רבי האט נישט זוכה געווען צו קינדער, נאר די תלמידים זענען געווען זיינע קינדער, ער איז אוועק ח' אב תרח"ץ ומנו"כ איז אין קאלוב. אין ספר באר מנחם תשל"ו איז דא א בילד פון זיין מצבה וואס דארט שטייט באשריבן אביסל פון די גרויסקייט פון דעם היילגן צדיק, זיע"א

**אין זכות פון געבן קימחא דפיסחא האט רבי שלמה לייב מלענטשנא זצוק"ל רייך געמאכט זיין חסיד**

הרה"ק רבי שלמה יהודה לייב פון לענטשנא זי"ע איז געווען די זון פון הרה"ק רבי ברוך בענדיט א צדיק נסתר פון ביקאבסק זי"ע, און רבי שלמה לייב איז געווען באקאנט אלס א קדוש עליון, און א גרויסער בעל מופת, מחבר ספר תורת מהרש"ל, ער איז געווען א תלמיד פון חוזה מלובלין, רבי מנחם מענדל מרימנוב, רבי יעקב יצחק היהודי הקדוש מפשיסחא, אטו זיין תלמיד רבי רב בונם, און רבי נטע מחעלם, און פון רבי נפתלי צבי מרופשיץ זי"ע.

רבי שלמה לייב פלעגט אלע יארן שאפן און טיילן אסאך געלט פאר קימחא דפיסחא, די גבירים האבן אים געקענט און געגעבן שיינע נתינות, ווען רבי שלמה לייב איז געווארן רב אין די שטאט לענטשנא האבן די מענטשן אים נאך נישט געקענט און עס איז אים אנגעקומען זייער שווער צו שאפן געלט פאר פסח, איין איד א חסיד, רב בערל רייצעס, האט נאך געקענט רבי שלמה לייב פון פריערט, און פאר פסח האט דער רבי אים געשיקט רופן און פרעגט אים וויפיל געלט האט ער אוועק געלייגט ביי זיך? האט רב בערל אים געענטפערט אז ער האט 36 רובל, וואס איז געווען א שיינע סכום דעמאלט, רופט זיך אן רבי שלמה לייב: איך וויל מיט דיר מאכן א געשעפט, דו גיב מיר 30 רובל פאר קימחא דפיסחא צו טיילן פאר אידן, און מיט 6 רובל וועסטו קענען מאכן פסח מיט הרחבה, און איך וועל זעהן אז דו זאלסט מצליח זיין אין דיינע געשעפטן, איך האלט אז עס וועט דיר לוינען!

רופט זיך אן רב בערל: ביי מיר האט דער רבי געפויעלט, אבער מיין ווייב איז דאך א שותף מיט מיין געלט און איך דארף איר פרעגן, און דער רבי ענטפערט: אוודאי! זאלסטו איר פרעגן, אבער זאג איר אז עס וועט אייך לוינען, רב בערל קומט אהיים און דערציילט זיין ווייב וואס רבי שלמה לייב פארלאנגט פון זי, און זיין ווייב ענטפערט: מיר וויסן אז רבי שלמה לייב איז א גרויסער צדיק און זיין ווארט איז היילג, און איך בין זיכער מסכים דאס צו טאן! רב בערל נעמט די 30 רובל און ברענגט דאס צום רבי

שלמה לייב וואס האט זיך שטארק געפריידט און גענומען די געלט און געטיילט פאר די ארעמעלייט, און רב בערל האט גענומען די 6 רובל און איינגעקויפט אלעם אויף פסח, וואס איז געווען מיט רחבות, אבער יעצט איז רב בערל געבליבן אן קיין געלט אויף צו לעבן ווייטער נאך פסח, אבער רב בערל האט געהאט אמונה אין רבין און איז נישט געווען באזארגט און פראוועט זיין פסח מיט א אמתע שמחת יו"ט, און האט נישט קיין דאגה וואס וועט זיין שפעטער.

אסרו חג פסח רופט דער רבי צו זיך רב בערל אז ער זאל קומען צום אים, און דער רבי זאגט אז יעצט וויל איך האלטן ווארט און דיר העלפן, און דער רבי זאגט אז היינט איז אנגעקומען א גרויסע גרופע פון סאלדאטן צו זיין אין שטאט לענטשנא אויף א לאנגע ווילע און זיי וועלן דארפן איינעם וואס זאל זיי צושטעלן פרוכט און גרינצייג און פלייש, דעריבער גיי צו די הויפט אפיצער און גיב זיך אן אז דו ווילסט באקומען די מאכט, און דער אויבערשטער וועט דיר העלפן מיט הצלחה, רב בערל גייט גלייך און געפינט אוים מיט ווען מען דארף רעדן, און ער גייט צו דער משרד און זאגט ער האט געהערט אז מען זוכט א מענטש צו ברענגען עסן פאר די סאלדאטן, האט דער אפיצער געפרעגט צו ער האנדעלט מיט עסן אדער האט ער א געשעפט? האט ער געענטפערט אז ער האט נישט, אבער ער איז א גרויסער סוחר און האט שטארקע פארבינדונגען, האט דער אפיצער געענטפערט אז עטליכער האבן שוין אנגעגעבן וואס האנדלען מיט עסן ממילא מוז איך זיי פרובירן אבער ער שרייבט אראפ די פרטים פון רב בערל.

דערווייל האט דער אפיצער געגעבן די מאכט פאר עטליכע סוחרים און זיי געבעטן צו ברענגען סחורה פאר אים, אבער ווען זיי האבן געברענגט די סחורה איז געווארן פינסטער פאר זיי, ווייל די פרוכט און גרינצייג זענען געווארן פארפוילט, און די פלייש איז געווארן קייליע, און דער אפיצער האט זיי ארוים געווארפן מיט בזיונות, דער אפיצער האט זיך דערמאנט אין רב בערל און האט אים געשיקט רופן און דערציילט אים אז די סוחרים האבן געברענגט קייליקע עסן, און ער גיט אים די מאכט צו גיין שאפן גוטע סחורה.

רב בערל איז געווען זייער צופרידן און גענומען געלט פון אפיצער און גייט ארוים און קויפט איין פרוכט מיט גרינצייג און פלייש און ברענגט דאס צום אפיצער וואס איז געווען זייער צופרידן, און ער האט שוין שיין פארדינט אויף דעם געשעפט און געקענט ווייטער לעבן, אזוי האט רב בערל יעדע וואך איין געקויפט די אלע עסן ביי די געשעפטן און געברענגט פארן אפיצער, און אלע זענען געווען צופרידן מיט די גוטע עסן, אזוי איז אריבער א שיינע פאר וואכן, ביז די געשעפטן האבן זיך דערוואוסט אז רב בערל קויפט ביי זיי איין די אלע עסנווארג און עס איז גוטע סחורה, וואס ער פארדינט אויף דעם זייער שיין, זענען געקומען די סוחרים צום אפיצער און געזאגט אז די אלע עסן וואס רב בערל ברענגט פאר אים קויפט ער איין ביי זיי, דעריבער זאל די אפיצער אוועקשיקן רב בערל און קויפן גלייך פון אונז פאר אסאך ביליגער וואס רב בערל רעכענט פאר דער אפיצער.

דער אפיצער רופט רב בערל צו זיין משרד און האט א טענה צו אים אז די געשעפטן זענען גערעכט, און אויב דו וועסט מיר נישט ברענגען די זעלבע פרייז וואס די געשעפטן רעכענען, וועל איז מוזן קויפן ביי זיי, האט רב בערל געזאגט ער וויל אז דער אפיצער זאל אים געבן אפאר טעג צו זען אויב ער קען דאס טאן, אבער וואס קען ער דען טאן?

נו, דער רבי האט אים געזאגט אז ער וועט מצליח זיין אין דעם געשעפט, דארף מען צוריק גיין צום רבין און דערציילן וואס איז געשען, זאגט אים דער רבי גיי צוריק צום אפיצער און זאג אים אז דו וועסט נישט ארעפלאזן קיין געלט, און רב בערל קומט צום אפיצער און דערציילט אים דאס, רופט זיך אן דער אפיצער אז ער וועט מוזן אויפהערן צו קויפן ביי אים און גיין קויפן בי

די אנדערע סוחרים, און רב בערל האט ער אנטזאגט, דערוויל שיקט דער אפיצער צו די סוחרים אז זיי זאלן נאכאמאל אנפאנגען שיקן זייער סחורה, און זיי האבן זיך געפריידט, אבער צו זייער וואונדער, ווען מען האט געברענגט די סחורה צום אפיצער און מען האט געעפענט די פושקעס עסן איז דאס אלעס געווען פארפוילט, און זיי קענען דאס נישט פארשטיין!

דער אפיצער איז געווארן אין כעס אויף זיי און געזאגט אז רב בערל ברענגט פרישע סחורה, און געשיקט רופן רב בערל און זיך אנשולדיגט פאר אים און צוריק געבעטן ער זאל ווייטער איינקויפן פאר אים, דערוויל זענען געקומען די סוחרים צו רב בערל און געוואלט מאכן א שותפות מיט אים אז זיי וועלן מער נישט אנרייצן די אפיצער אויף אים, האט רב בערל געזאגט ער וועט זיי לאזן וויסן און רב בערל איז געגאנגען פרעגן רבי שלמה לייב וואס זאל ער טאן? האט דער רבי געענטפערט וואס פאר א שייכות האבן זיי מיט דעם געשעפט? זאלסט וויסן אז איך האב געפועלט פאר דיר און געברענגט די גרופע פון סאלדאטן צו קומען קיין לענטשנא, און וואס זיי וועלן ברענגען וועט ווערן פארפוילט, ממילא זיי קענען דיר גארנישט טאן, און טאקע רב בערל איז געבליבן דער איינקויפער פאר די ארמיי און איז געווארן זייער רייך, די צוזאג פון צדיק האט געהאלפן אין זכות וואס ער האט געפאלגט און געגעבן 30 רובל פאר קימחא דפיסחא, רבי שלמה לייב איז נסתלק געווארן י"ט ניסן תר"ג זיע"א. (והיו מספרים מספר ברכה משולשת)

**דער הייליגער בעלזא רב הרה"ק ר' אהרן זיע"א, פראוועט אין זיין פסח סדר א רפואה פארן טשאבא רבי**

הגה"צ רבי שרגא שמואל שניטצלער איז געבוירן געווארן אין שנת תרמ"ט צו הרבני ר' ברוך יהודה וואס איז נפטר געווארן ווען ר' שרגא שמואל איז געווען דריי יאר אלט און זיין מאמע האט אים געשיקט זיך האדעווען און לערנען מיט הגה"צ רבי נפתלי הירצקא הלוי זילברמן מראצפערט זצוק"ל - ר' הירצקא ראצטפערטער איז נתקרב געווארן צו חסידות דורך הרה"ק ר' הערשעל מליסקא און שפעטער געווארן נאנט צום הייליגן דברי חיים מצאנז זיע"א וואס האט אים געהייסן פירן באדמורו"ת און דער צאנזער רב האט געשיקט מענטשן צו אים פאר ישועות.- פארשטייט זיך אז דער יונגער שרגא שמואל האט זייער אסאך קונה געווען אין אזא שטוב, ער איז געווען דארט א שיינע פאר יאר ביז די פטירה פון זיין רבי ט' תשרי תרנ"ח.

ר' שרגא שמואל איז צוריק אהיים געקומען, און געווען א שיינער ת"ח האט אים זיין מאמע געשיקט לערנען ביי די גאונים צדיקים הרה"ק ר' מנחם בראדי דער באר מנחם, און ביי הרה"ק ר' יהודה גרינוואלד פון סאטמאר מחבר שו"ת זכרון יהודה און שבט מיהודה עה"ת. ער איז געווען זייער נאנט און א חסיד פון הרה"ק ר' יששכר דוב פון בעלזא, און נאך זיין פטירה איז ער געבליבן ביי זיין הייליגן זון הרה"ק ר' אהרן און זיך נישט גערירט אן אים, און דער קשר איז געבליבן ווייטער ווען ביידע זענען געווען אין א"י נאך די מלחמה, איז ער אנגעקומען תש"י און דער בעלזא רב האט אים געהייסן וואוינען אין ירושלים, וואו ער איז געבליבן און געלערנט יומם ולילה און געווען א באוואוסטער פועל ישועות, אלע האבן אים געקענט אלץ דער טשאבא רבי, ביז זיין פטירה כ"ז תשרי תש"מ.

ערב פסח שנת תשי"ג און מען גרייט זיך צום סדר ביי הרה"ק מבעלזא אין תל אביב, מען ווארט אז דער בעלזא רב זאל שוין גיין צום סדר ווען פלוצלינג פרעגט דער בעלזער רב צו איינער ווייסט וואס הערט זיך פון די געזונט פון ר' שרגא שמואל דער טשאבא רב, און דער רב האט געזאגט מען זאל אים יעצט מזכיר זיין מיט זיין מאמע'ס נאמען פאר אים, און מען האט אים מזכיר געווען פאר א רפואה, אזוי איז דער בעלזא רב געגאנגען צום סדר און עטליכע מאל במשך דעם סדר פרעגט דער רב וואס מאכט דער טשאבא רב און בעט מען זאל אים מזכיר זיין פאר אים, וואס דאס האט

געשאפט א אינטערעסאנטקייט ביים עולם, אבער מען האט נישט געפרעגט קיין שאלות ביז שפעטער נאכן סדר האט מען שוין אלעם פארשטאנען, די מעשה איז געווען אזוי:

יענע יאר פאר פסח איז דער טשאבא רב געווארן קראנק אויף זיין מאגן און נישט געקענט פארדייען זיין עסן און מען האט אים געמוזט מאכן א ניתוח און דער בעלזא רב האט מסכים געווען, און נאכן ניתוח איז דאס מיט די צייט צוביסלאך געווארן אויסגעהיילט און געקענט עסן נאר ווייכע זאכן, פאר פסח איז די טשאבא רעבעצן געקומען צום בעלזא רב פרעגן וואס זאל איר מאן טאן וועגן די סדר נאכט, האט דער רב געענטפערט זי זאל נעמען מצות און דאס שטארק צודריקן און אויסמישן מיט וויין און אזוי וועט איר מאן קענען יוצא זיין מצה און טרינקען וויין, און די רעבעצן האט אזוי געטאן און געגעבן פאר איר מאן די מצה און וויין, און נאך האלבע נאכט איז זי אהיים, אבער גלייך נאכדעם האט זיך די מצב ביים טשאבא רבי געווארן ערנסט און ער האט פארלארן זיין וואוסטלאז און די דאקטורים האבן שוין געמיינט אז דאס איז שוין זיין ענדע, מען האט שנעל געשיקט רופן גרעסערע דאקטורים וואס האבן אויך נישט געקענט העלפן ביז בחסדי ה' האט איין דאקטאר זיך אנגערופן אז ער האלט אז מיט עפעס א מעדיצין וועט מען קענען ראטעווען דעם רבין און מען האט דאס געברענגט, און מען האט געזען א שטיקל שינוי לטובה און דער רבי איז געקומען צו זיך.

יענע נאכט איז דער בעלזער רב געווען פארנומען מיט פראווען א רפואה פארן טשאבא רב און געפועלט טאקע מיט כסדר אים מזכיר זיין פארן סדר און אין מיטן סדר און ווען דער בעלזא רב האט געענדיגט זין סדר איז דער טשאבא רבי צוריק געווארן נארמאל, אבער די מעשה האט זיך נישט געענדיגט דא, נאר שפעטער ווען דער טשאבא רבי איז שוין ארויס פון שפיטאל, און געהאט כח, איז ער געפארן קיין תל אביב און דערציילט וואס האט זיך אים געשפילט יענע נאכט פון פסח, נאכדעם וואס ער איז צאמגעפאלן האט ער געהאט א חלום אז ער זיצט ביים סדר לעבן דער בעלזא רב, און אין מיטן סדר גיט אים דער בעלזא רב פון זיין שיריים און זאגט עס דאס און וועסט האבן א גאנצע רפואה, און איך האב זיך אויף געוועקט און איך זעה ווי אלע דאקטורים שטייען ארום מיר, האב איך זיי געפרעגט פארוואס זענען זיי אלע דא אזוי שפעט באנאכט ווען עס איז באלד טאג? די דאקטורים האבן זיך שטארק געפריידט ווען זיי האבן געזען ווי איך רעד און זיי האבן מיר אלעם דערציילט, און געזאגט אז עס זעהט אויס אז די מעדיצין האט געהאלפן און זיי האפן אז ער וועט האבן א גאנצע רפואה, איך האב געהאט אמונה אין די רייד פון בעלזא רב.

יעצט האבן די חסידים אלעם פארשטאנען און געזען די געטריישאפט פון בעלזא רב צו זיין חסיד וואס ער האט נישט גערוהט ביז ער וועט האבן א גאנצע רפואה, דער טשאבא רבי האט געלעבט נאך 27 יאר לטובה, און איז נפטר געווארן כ"ז תשרי תש"ם ומנו"כ אין ירושלים בהר המנוחות, זיינע ספרים זובחי הזבח על הלכות שחיטה ובדיקה, און ספר פירורי שולחן זענען געווען גרייט צו דרוקן אבער זענען פארלוירן געווארן ביי די מלחמה, אבער אין שנת תשמ"א האט זיין אייניקל רב משולם שלום געדרוקט זיינע חידושים אין ספר ברכות שמואל, און זיינע תולדות, זיע"א. (ספר והיו מספרים בשם הרה"ח ר' אברהם חיים גרינפעלד)

# סגולות ליל הסדר

א] רמז. די ווארט "מצה" איז די ר"ת מכל צרה הצילנו. מצה ראטעוועט פון אלע צרות. שטייט אין הייליגע ספרים אז מען זאל לאזן העגנגן אין שטוב א גאנץ יאר א שטיקל פון די אפיקומן אלץ א שמירה.

ב] די מקובלים זאגן אויך: אז נאך דעם וואס מען ענדיגט דעם ברכה גאל ישראל, קען מען בעטן וואס מען דארף און דער

אויבערשטער וועט אן נעמען די תפלות.

ג] נאך א סגולה איז דא: אויב איינער דארף א ישועה זאל ער זאגן גאנץ שיר השירים נאכ'ן סדר, און בעט'ן נאר איין בקשה, און דער אויבערשטער וועט זיכער דערפילן זיין בקשה.

ד] ווען מען זאגט די ווארט פסח ביים סדר זאל מען אינזינען האבן, פ=פרנסה טובה, ס= סעייתא דשמיא, ח= חיים טובים ארוכים (שמעתי מהרב מיכאל נימני ז"ל בשם הרב המקובל ר' מאיר מאזוז שליט"א)

ה] די מצה פון פסח איז געווען אייביג א שמירה און א סגולה און מען פירט זיך אויפצוהעגנען די מצה אין שטוב אגאנץ יאר.

ו] אפיקומן איז בגימט' "**רפא**" דאס מיינט אז די אפיקומן איז ממשיך רפואה פאר ווער עם דארף א רפואה. (מאור ושמש)

ז] שטייט אין די גמ' (ברכות כ"ו ע"ב) אברהם תיקן שחרית, א רמז צו די ארבעה בנים אין די הגדה. ש-ח-ר-י-ת איז די ר"ת פון חכם, רשע, תם, שאינו יודע לשאול.

ח] עס איז באוואוסט די סיפור אז ביי ונצעק אין די הגדה זאל מען שרייען בכל כח, און מתפלל זיין און מען וועט געהאלפן ווערן. **וכאן הבן שואל**, דא מען קען אלעם אוים פועלן ביים סדר, בית אהרן.

ט] א גרויסער טייל פון ספרדים עסן נישט די זרוע, און אנדערע פלעגן דאס אויפהענגען אליץ א שמירה.

י] ביי די ברכה אֲשֶׁר גְּאָלָנוּ: זאגט די הייליגער אפטא רב זיע"א אז ווען א איד זאגט די ברכה אֲשֶׁר גְּאָלָנוּ וְגָאַל אֶת אֲבוֹתֵינוּ מִמִּצְרַיִם קען מען פועלן אז מען זאל זיך אויסלייזן פון אלעם וואס דארף קומען אויף די מענטש און עם זאל זיין **אך טוב**.

יא] דער ענין פון גיין א קיטל ביים סדר שטייט אז הרה"ק ר' פינחס מקאריץ זצוק"ל האט געזאגט דעם טעם ווייל די אידן זענען ארוים פון מצרים ווייל שלא שינו את לבושם, ממילא ווייל די גויים גייען קיינמאל נישט א קיטל, דעריבער טוט מען אן א קיטל צו ווייזן מיר גייען נישט אין די לבוש פון א גוי, און אין דעם זכות וועט מען ארוסגיין פון גלות.

יב] בשם הרה"ק מוהרי"א מקאמארנא זצוק"ל שטייט אז דער וואס האט פארגעסן צו ציילן ספירת העומר קען ציילן אינדערפרי מיט א ברכה, פונדעסטוועגן אפילו מען האט אויך פארגעסן ביי טאג, קען מען ציילן די קומענדיגע נאכט מיט א ברכה, און אזוי האבן די צדיקים זיך געפירט. (ספר עשר קדושות)

דער הייליגער בית אהרן מקארלין שרייבט אז היינטיגע צייטן קענען מיר פשוטע מענטשן דערגרייכן אין הארות און השגות ביים סדר אזוי ווי די צדיקים פון אמאל, און פארוואס הייסט דאס סדר ווייל די נאכט איז א סדר אויף א גאנץ יאר, אזוי ווי מען פירט זיך ליל הסדר אזוי וועט מען זיך פירן א גאנץ יאר. דעריבער איז די הכנה צום פסח זייער וויכטיג. אין ספר בית אהרן איז דא אסאך בריוו וואס די רבי'ם האבן געשיקט צו די חסידים אויף פסח, און מיין עלטער פעטער **הרה"ח ר' ניסן פילטשיק זצ"ל** פלעגט דערציילן אז אלטע חסידים האבן געהארעוועט אין די בריוו פאר א הכנה צום פסח, און ווען מען האט געפרעגט א חסיד "וואו האלטסטו מיטן פסח"? האט ער בפשטות געענטפערט אין דעם און דעם בריוו. דער אויבערשטער זאל העלפן אז כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות, מיט רפואות און ישועות פאר כלל ישראל מיט ביאת גואל צדק בב"א, בניסן נגאלו ובניסן עתידין ליגאל (ר"ה יא)

אין זכות וואס איר האט הנאה געהאט פון גליון זאל השי"ת העלפן אז איך זאל קענען ממשיך זיין ארוים געבן דער פרדס יהודה נאך אסאך געזונטע יארן מיט א פרישקייט.

*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן*

ספר מרכבת המשנה עם הגה רבי עקיבא איגר $6500 ג חתימות על דף של האמרי אמת מגור $1500 אמרי אלימלך דפו"ר גראדזיסק שייך להרה"ק ר' משה מסטאלין $3000 רב אלפס סלאוויטא ר' משה מועד חלק שני מצב מפואר $3500 רב אלפס נזיקין ג' בבות מצב מפואר $4000 ספר עם חתימת הגה"ק מבוטשאטש $20000, 13 כרכים שונים גמרות זיטאמיר $10000 אור המאיר עם הקדשת ר' מאיר שפירא $1000, תהלים בן ביתי דפו"ר $1500 תהלים זיטאמיר מצודות $24000 ספר דרכי האמונה יאם ידוע לשמירה דפו"ר נדיר $800 תהלים זיטאמיר מהסידור $6000 מכתב חתום מישיבת קאמינעץ תש"ט חתום ע"י הגאון ר' ראובן גרוזובסקי ור' נפתלי זאב לייבאוויץ $1200 ספר דרושים יקרים מהרה"ק ר' שלמה זלמן מקאפוסט $400, ערבי נחל שנתן הרה"ק מטאש זצוק"ל עם אישור $750, ספר מצות ה' שייך להרה"ק ר' דוד צבי מניישטאדט בעל חמדת דוד בן הרה"ק ר' יחזקאל מקוזמיר $1500 ספר שנתן ובירך אדמו"ר מסקולען זצוק"ל $600 ספר צמח צדיק וויזניץ ג' חלקים דפוס ראשון שייך להגאון בעל שבט הלוי $1200 ספר מהרי"ל שייך להרה"ק ר' ברוך מוויזניץ בעל אמרי ברוך $2000 זוהר סלאוויטא תקפ"ז מצב יפה $26000 תקוני זוהר סלאוויטא ר' משה $9500 קדושת יו"ט דפו"ר שייך לבעל חלקת יהושע $1200, ספר שיטה מקובצת הקדשת הגאון ר' אברהם קאלמנאוויטש $800 חומש תורה תמימה ד' חלקים עם ד' הקדשות ארוכות של האדמו"ר בעל אמונת אברהם מפיטסבורג זצוק"ל $1800 ספר מהר"ם שיק עם הקדשת הקרן לדוד $2800 ספר עם חתימת הגאון בעל חמדת שלמה והרה"ק ר' יעקב אדמו"ר מיעזוב בן הרה"ק מטשעכנאוו $3500 מיר האבן א רשימה פון אונזערע ספרים - 4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ 718 - 438 -

**8414 ~ 718 - 633 - 5500 Hours are 12 -7:30 Fri 11-1:30, To receive the pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday.**

מיר פארקויפן עכטע זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און פדיון נפש און אלטע געלט **check out our website *www.seforimworld.com***